STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11741

42 YOR

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

42 יאָר

סעמעטערי דעפּאַרטמענט

אַרבעטער־רינג

אינק.

ALLIED PRINTING TRADES UNION LABEL COUNCIL NEW YORK 200

1907-1949

אינהאלט:

זייט

דוד איינהאָרן — אברהם ליעסין (צום צענטען יאָרצייט) 7

א. ליעסין — ווייס וואוהין דו גייסט (ליד) 11

ב. י. ביאַלאָסטאָצקי — ב. וולאַדעק — די פּערזענלעכקייט ... 13

ב. וולאַדעק — יזכור... (פון זיינע שריפטען) 21

מ. אָשעראָוויטש — מנחם באָריישאָ 23

דוד איינהאָרן — ז. סעגאַלאָוויטש 29

צוויי אידישע פאָלקס לידער 31

ה. לאַנג — פּיאָנערן און בויער 33

דער לעבעדיגער (ח. גוטמאַן) — אַן איינפאַל פון מלאך המות . 39

ב. י. ב. — דער סוף פון די רשעים 42

ד. א. — די שרעק פאַרן טויט 48

י. האַרט — ליכטיגע געשטאַלטען 52

מ. איוועניסקי — לודוויג בערנע 60

ש. העלער — פילאָזאָפישע און פּאָעטישע געדאַנקען וועגען טויט 67

אין אונזער אייגענעם קרייז
מ. א. — יעקב מ. ראָזענבלאַט 71

נ. כאַנין — דזשוליוס וויסבערג 75

מ. א. — מאָריס ד. אַשפּיז 78

צו די מיטגלידער פון אַ״ר. און דעלעגאַטען צו דער 41טער
יערלעכער קאָנפערענץ פון סעמעטערי רעפּאַרטמענט 81

ב. — טרייסט (ליד) .... אויף דער הילע

בילדער

עקזעקוטיוו קאָמיטע:

יעקב מילער, טשערמאַן ל. גאלין, סעקרעטאַר
א. וואַכטעל, וויס־טשערמאַן מ. איוועַנסקי, טרעזשורער

טראַסטיס:

פּ. מאַסלאָף ס. קאַראַסיק
א. רודין מ. ב. קאָהען
דזש. גאָרפּיין

דזשאַן דריישפּיל, סוירוויער

קאָנטראָל־קאָמיטע:

מ. עדעלסאָן, טשערמאַן
מייער קאַטץ ה. גאָטליב
ס. חייעט א. האָוויטץ
דזש. פרידמאַן וום. ראָזענבאַום
א. שיפּמאַן וום. אָרלאַנסקי

נאַציאָנאַלע פיונעראַל קאָנטראָל־קאָמיטע:

מאַקס גאָלדינג, טשערמאַן סעם רעזניק, סעקרעטאַר
דזש. מאָגיל

J. BASKIN
General Secretary, W.C.

N. CHANIN
Educ. Director W.C.

B. GEBINER
Ass't. Gen. Sec'y., W.C.

EPHIM JESHURIN
Pres. W.C.

WILLIAM STERN
Y.C.L., W.C.

LEONARD P. SIMPSON
Legal Advisor, W. C.

ROSALIND LONDON
Attorney

דוד איינהאָרן:

אברהם ליעסין

(צום צענטען יאָרצייט)

אברהם ליעסין

. . . איך לעב מיטן קאָפּ אין דער שטראַליגער צוקונפט,
מיין האַרץ דאָך איז פול נאָר מיט דיר —
אָ, פינסטערער, גרויסער, הערןאָישער עבר,
ווי טייער, ווי ליב דו ביזט מיר!

(ליעסין, „לידער און פּאָעמען״, באַנד 3, ז. 21, ניו יאָרק 1897)

עס טרעפט אין דער געשיכטע פון אַ פאָלק, ווען אַ גייסטיגע, אַ פּאָליטישע, אָדער אַ פיזישע קאַטאַסטראָפע רייסט פאַנאַנדער זיין געשיכטע און עס שאַפט זיך אין מיטען אַ טיפער תהום ניט איבערצושפּרייזען. דאַן בילדען זיך צוויי טראַגישע דורות: דער לעצטער דור, וואָס איז געבליבען אויפן ברעג פון דער פאַרגאַנגענהייט, און דער דור אויפן צווייטען ברעג וואָס שטורעמט אין דער אומבאַקאַנטער צוקונפט.

ביידע זיינען צעריסענע מענשען. ביידע האָבען דעם תהום, דעם אָפּגרונד, וואָס שיידט זיי פאַנאַנדער, אין די אויגען. איין דור איז אָן אַ צוקונפט, דער צווייטער אָן אַ פאַרגאַנגענהייט

האַלבע מענשען!

אַזוי האָט דאָס ביי אונז אויסגעזען ביים סוף פון ניינצענטען יאָרהונדערט און ביים אָנפאַנג פון צוואַנציגסטען; און אַזוי זעט דאָס איצט אויס.

עס זיינען אָבער דאָ מענשען וואָס ווילען ניט שלום מאַכען מיט דעם. זיי ווילען ניט בלייבען קיין האַלבע מענשען. דאַן פּרואווען זיי וואַרפען גייסטיגע בריקען איבערן תהום.

אַזעלכע מענער זיינען בטבע ניטאָ קיין סך. בכדי צו קאָנען אין אַזאַ ריס, אין

אַזאַ כאַאָס איבערשפּרייזען דעם תהום, מוז מען זיין אַ דענקער, אַ פּאָעט און אַ אידעאַליסט גלייכצייטיג.

דער דענקער אונטערזוכט, אַנאַליזירט, שניידט אַרויס דעם שטיק אייביגען אמת וואָס איז געבליבען אין דער פאַרגאַנגענהייט, ער שניידט אויס פון די נייע אידעען דעם אייביגען אמת וואָס פירט אין דער צוקונפט און פאַראייניגט זיי אין אַ גאַנצען אמת.

דער פּאָעט מיט זיין פאַנטאַזיע, מיט זיין פאַרשטעלונגס קראַפט, מיט זיין וואַרעמע האַרץ פול מיט ליבע וועבט אויס דעם גייסטיגען בריק. דער אידעאַליסט האָט דעם מוט צו שטיין אין מיטען פון די צוויי פיינדליכע דורות און פאַר־בינדען זיי.

און אַזאַ איז געוועזן ליעסין.

ווען די רעוואָלוציאָנערע סאָציאַליסטישע באַוועגונג האָט זיך אָנגעהויבען ביי די אידען אין רוסלאַנד אין סוף פון 19טן יאָרהונדערט, איז צווישען אַלטען און נייעם דור אויסגעוואַקסען אַזאַ תהום ביז זעלבסט פאַרלייקענונג. דער נייער דור האָט זיך אָפּגעווענדעט פון אַלטען, פרומען טאַטען און זיידען מיט אַ קאַלטען האַרצען און בלינדע אויגען, איבעררייסענדיג אַלע פעדים און האָט זיך געוואָרפען אָן אַ פאַרגאַנגענהייט אין דער צוקונפט.

דער אַלטער דור האָט מיט בליקען פון ווייטאָג און טרויער און אָפטער מיט האָט באַגלייט דעם נייעם דור אויף יענער זייט תהום און פאַרבליבען אין זיין טראַגישער איינזאַמקייט.

בלויז די איינציגע גאַנצע פערזענליכקייטען, ווי ליעסין, האָבען געקאַנט די צוויי ברעגען פאַראייניגען אין זיך און בלייבען גאַנץ, ניט צעריסען אין דעם גרויסען גייסטיגען חורבן.

ביי ליעסינ׳ען איז ניט געלעגען קיין תהום צווישען דעם אידיש רוסישען רעוואָלוציאָנער, דעם בונדיסט און זיין אַלטען פרומען טאַטען. ער איז אפשר געווען דער איינציגער דאָן אין דעם זין צווישען די רעוואָלוציאָנערען, וועלכע האָ־בען זיך געוואָרפען אין דער צוקונפט אָפּשניידענדיג פון זיך די פאַרגאַנגענהייט פון זייער פאָלק, און נאַקעט און בלויז זיך געוואָרפען אין שטורמישען שטראָם, וואָס האָט זיי געטראָגען אין דער אומבאַקאַנטער צוקונפט.

ליעסין האָט געפילט, אַז צווישען זיין טאַטענס חלום פון אַ וועלט אויסלייזונג, פון דער וועלט גאולה, פון די „טעג וואָס וועלען קומען״, פון משיח׳ס צייטען, און די חלומות פון די ערשטע סאָציאַליסטען איז ניטאָ קיין אונטערשייד.

עס איז דער זעלבער גרויסער אמת און דאָס וואָס טיילט זיי אָפּ — די טעאָריעס און די פּלפּולים — האָבען קיין ווערט ניט.

עס איז דער זעלבער גרויסער חלום, עס איז דער זעלבער קאַמף און דער זעלבער מאַרטירערטום.

און אין זיין גרויסע האַרץ האָט ער פאַראייניגט דעם פרומען זיידען וואָס

איז געגאַנגען אויף קידוש השם און די רעוואָלוציאָנערען וואָס זיינען אויסגע־גאַנגען אין ווייטען קאַלטען סיבירישען צפון ביי די ברעגען פון דעם טייך לענאַ.

און ווייל ער איז געווען איינער אַ גאַנצער צווישען אַ סך האַלבע, איז ער געווען דער איינזאַמסטער מענש אין דער וועלט.

איך האָב איינמאָל בלויז געזען ליעסינ׳ען אין זיין טורעם אַרומגערינגעלט מיט זיין ביבליאָטעק און זיינע גייסטער און איך האָב דאַן פאַרשטאַנען דעם כח פון אַ פערזענלעכקייט, וואָס קאָן שאַפען זיין אייגענעם פּלאַנעט אין מיטען פון אַ כאַאָס. און אויף זיין פּלאַנעט דאָרט זיינען געווען אַלע פאַראייניגט אין פריי־דען: די נביאים מיט קאַרל מאַרקס׳ן; דאָרט זיינען פרידליך אַרומגעגאַנגען גע־אַרעמט רבנים און בונדיסטען, הירש לעקערט מיט די עשרה הרוגי מלכות, די חשמונאים מיט דער בונדישער זעלבסטשוץ. דאָרט האָט משיח אָרגאַניזירט די סאָציאַלע אָרדענונג און איבער אַלץ האָט געשיינט די זון פון עתיד לבא. די זון פון גערעכטיקייט, וואָס איז מענשען־ליבע אָן וועלכער קיין שום אידעאַל קאָן ניט אויפבליהען.

ליידער האָט ליעסין ניט געקאַנט זיין וועלט אויסשפּרייטען ווייטער פון זיין טורעם. ווען ער וואָלט דעם כח געהאַט, וואָלט איצט, מעגליך, דאָס אַמעריקאַ־נער אידענטום, די מיליאָנען אידישע עמיגראַנטען, געהאַט אַ וועג אין זייער לעבען, געהאַט אַ אידעע פון זייער עקזיסטענץ, און וואָלטען ניט געטומעלט זיך ווי בלינדע צווישען דער פאַרגאַנגענהייט און דער צוקונפט. דער תהום וואָלט זיך ניט אויסגעשפּרייט ברייטער און טיפער צווישען זיי און זייערע קינדער.

אָבער פּאָעטען, דענקער און אידעאַליסטען זיינען ניט קיין אָרגאַניזאַטאָרען און ניט קיין פרעדיגער און אויב זיי געפינען ניט קיין תלמידים, בלייבען זיי אין דער איינזאַמקייט, און דאָס איז געווען מער די טראַגעדיע פון דער סביבה אין וועלכער ליעסין האָט געלעבט, ווי ליעסינ׳ס טראַגעדיע אַליין.

* * *

שוין צען יאָר זינט ליעסין איז אַוועק און פון זיין גאַנצען לעבען, האָפען, גלויבען און דענקען זיינען געבליבען דריי בענד לידער. אין זיי האָט ליעסין באַוויזען אַלץ צו פאַראייביגען. זעלטען ווען אַ פּאָעט האָט באַוויזען אַלץ צו איבערלייגען אין פּאָעזיע. די גאַנצע אידישע געשיכטע פאַר דריי טויזענד יאָר, אַלע העלדען און דענקער, אַלע היסטאָרישע עפּאָכען און אַלע געשטאַלטען פון דער אַלטער היים, אַלע זיינע אינערלעכע ערלעבונגען, די נאַטור, די שטאָט מיט אַלע ניואַנסען פון אַן אָרימען שאָפּ, ביז אַ נייט קלאָב — אומעטום, דורך אַלע לידער ציט זיך ווי אַ רויטער פאָדעם יענער גרויסער אידעאַליזם, יענער אידי־שער רחמנות און אַכטונג צום מענשען, יענע אייביגע וויזיע, וואָס ער האָט גע׳ירשנ׳ט פון זיין פאָטער און איבער אַלץ זיין גרויסע איינזאַמקייט אין דער דאָזיגער טומלדיגער, פיל־פאַרביגער, פיל־געשטאַלטיגער וועלט, וועלכע ער

האָט געשאַפֿען. און די גרויסע טראַגיק — די טראַגיק פֿון מענשען און פֿון זיין פֿאָלק.

„איך בין אין בית מדרש געבליבען אַליין,
די ליכט אין די ענגלייכטער האָבען געברענט,
געציטערט האָט וואו אין דער הויך נאָך געוויין
און אָפּגעקלאַפּט האָבען זיך עכאָס אָן ווענט.
זיי זיינען אין שטומקייט אויף גיך
ווי אייליקע שאָטענס אַוועק.
זיי האָבען געלאָזען אין שרעק
מיך איינעם אַליין.

עס איז געווען אַ שווערע אַרבעט פֿאַר איין מענשען און אפילו פֿאַר עטליכע צו וואַרפֿען בריקען איבער אַ תהום ביי אַ פֿאָלק, וואָס אַ טיפֿע גייסטיגע קאַ־טאַסטראָפֿע האָט איבערגעריסען זיין געשיכטע.

דאָס איינציגע וואָס זיי האָבען געקאָנט טאָן איז צו שאַפֿען דעם בריק אין זייער נשמה און איבערלאָזען עס אַלסביישפּיל פֿאַר די קומענדיגע דורות.

און ליעסין איז געווען איינער פֿון די איינציגע וואָס האָט דאָס באַוויזען.

א. ליעסין:

וויים, וואוהין דו גייסט

(דע לאָן אתה הולך)

ווייטע אָפּקלאַנגען, וואָס פֿאַלען
אין די נעכט די וואַכע דול;
קלאַפּט אַ גרייז מיט די סאַנדאַלען
אָן דעם שטיין-דיל פון אַ שול,
און ער וואָרנט און ער טרייסט:

וויים, וואוהין דו גייסט!

הערט מען אים מיט פרומען פלאַקער,
קעפּ אויף קעפּ און בערד אויף בערד —
אידען אַלץ פון אונטער אַקער
און פון ברוינער גליל-ערד;
זיי באַגרייפען גוט, וואָס הייסט:

וויים, וואוהין דו גייסט!

טראָגט, דורך דורות-לאַנגער וואַנדער,
פון דער שול אין ירדן-טאָל,
ביי אַ קוסט פון אָלעאַנדער
און אַ קוואַלכל פון קריסטאָל —
טראָט די וואָרנוג מיר און טרייסט:

וויים, וואוהין דו גייסט!

הער איך עס אין בראָנקס; און פיבער,
און אַן אויטאָ-האָרן ברומט,
און עס רוישען באַנען איבער,
און אַן עראָפּלאַן וואו זשומט,
און איך ליג און טראַכט, וואָס הייסט:

וויים, וואוהין דו גייסט!

און איך זע די שול, די זיידעס,
בערג צעברעכטע רויטלעך-גראָ,
און אַ הימעל פול מיט סודות,
אַ קופּאָל פון וואונדער-בלאָ,
און דעם גרויז מיט ווייסער טרייסט:

ווייס, וואוהין דו גייסט!

גיסען זיך צונויף און הערען
ערד און הימעל און אָן-סוף,
פון די דימענטענע שטערען
ביז די בערג אין שאָטען-שלאָף, —
אַלע הערען זיי, וואָס הייסט:

ווייס, וואוהין דו גייסט!

הער איך אויך, ווי זיי, דעם זיידען,
מיטן פיבער [illegible] דער שטים,
באַטש [illegible] צעשיידען
בראָנקס און גליל, מיך מיט אים —
ווי ער וואָרנט און ער טרייסט:

ווייס, וואוהין דו גייסט!

ב. י. ביאַלאָסטאָצקי:

ב. וולאַדעק — די פערזענלעכקייט

(צום צענטען יאָרצייט)

(ב. וולאַדעק)

1

וו וולאַדעק האָט געהאַט אַ סך מעלות. ער איז געווען אַ שיינער רעדנער. ער איז אויך געווען אַ שרייבער. וולאַדעק איז אויך געווען אַ פּאָעט — ער האָט געשריבען לידער. וולאַדעק איז געווען אַ פירער; ער איז געווען אַ כלל־טוער. וולאַדעק איז געווען אַ גרינדער פון פאָלקס־געזעלשאַפטען פאַר הילף און אויפבוי. און אויסער דעם אַלעמען איז ער יאָרען לאַנג געווען דער פאַרוואַלטער פון „פאָרווערטס״. אין וואָס איז באַשטאַנען זיין הויפּט־קראַפט?

מיין ענטפער איז: וולאַדעק איז געווען אַ פערזענלאַכקייט.

פאַראַן אַלערליי טאַלאַנטען; פאַראַן קינסטלער; פאַראַן טוער; עס זיינען דאָ רעדנער — אָבער פערזענלעכקייטען זיינען דאָ ווייניג.

און וולאַדעק איז געווען פון די ווייניגע. דעריבער לאָזט ער זיך ניט פאַר־געסען. זיין פיגור, זיין פּנים, זיין געשטאַלט שטייט לעבעדיק פאַר די אויגען ביז צום היינטיגען טאָג.

פאַראַן איינער וואָס גייט און גייט און דערגייט צו דער מדרגה פון קונסט: ער איז קינסטלער. פאַראַן אַ צווייטער וואָס כאַפּט זיך אַרויף אויף דער מזרח־וואַנט פון פאַרטיי־פירונג.

דער גאַנג פון אַ פערזענלעכקייט איז אַ גאַנץ אַנדערער. זיין הויפּט דער־גרייכונג באַשטייט אין דעם, וואָס ער שאַפט די פערזענלעכקייט — זיך אַליין.

און דאָ הויבט זיך אָן אַ צווייטע פראַגע: וואָס־זשע איז „פערזענלעכקייט״? עס זיינען דאָ אויף דעם פאַרשיידענע ענטפערס. עס טרעפט אַמאָל אַז מען

זאָגט אויף איינעם אַז ער איז אַ פּערזענלעכקייט, ווען דער דאָזיגער „איינער״ צייכנט זיך אויס מיט כאַראַקטער שטאַרקייט, מיט עקשנות.

אַן אַנדערער קען באַצייכנט ווערען מיט דעם טיטול „פּערזענלעכקייט״ ווען ער גילט פאַר אַ רבי און אַלע אַרום אין זיין סביבה פירען זיך אויף און האַלטען זיך, ווי זיי וואָלטען געווען זיינע תלמידים.

אָבער עס איז דאָ נאָך אַ סאָרט פּערזענלעכקייט. דאָס איז דער יעניגער געבענטשטער מענטש וואָס אין אים זיינען דאָ אַ סך שטריכען פון פאַרשיידענע באַגאַבונגען; פאַראַן אין אים פונקען פון פאַרשיידענע נשמות; פאַראַן אין אים קלאַנגען פון פאַרשיידענע ניגונים — און אַלע גיסען זיי זיך אין אים צוזאַמען אַזוי האַרמאָניש, אַזוי גאַנץ! שטריכען פון געגענגעזעצלעכע באַגאַבונגען גלייכן זיך אויס און ווערען איינס; שטריכען פון פאַרשיידענע נייגונגען אין דעם מענטש, גייען צוזאַמען, — און אַלע שטעלען זיי צונויף די שיינע פּערזענלעכקייט.

צו דעם סאָרט פּערזענלעכקייט באַלאַנגט ב. וולאַדעק. ער איז געווען פּאָעט, און דאָך אָפּט אַזוי שכל׳דיג, ראַציאָנאַל און אפילו פּראָזעדיג . . . ער האָט געלעבט אויף פּאַטאָס, און דאָך האָט אָפּט דורכגעלויכטען אין אים אַזאַ האַרציגער הומאָר. ער איז געווען מילד און גוט, און דאָך אָפּט מיט אַ געוויסער האַט־נעקיקייט אין אים.

און אַזוי כסדר אויך אין זיין געזעלשאַפטלעכקייט. ער איז געווען אַ בונדיסט, אַ סאָציאַליסט. און דאָך האָט ער גאָר ליב געהאַט אָפּט אַריינצוקוקען אין מדרש. ער איז געווען אַ טיף־פאַרוואָרצלטער איד און דאָך האָט ער זיך געריסען צו אַמעריקע און צו אַמעריקאַנער פּאָליטיק.

עס האָט אַמאָל געקענט אויסווייזען זיך אַז אין וולאַדעק׳ן רייסען זיך אַרום געגענזאַצען אַזוי ווי אין דעם בויך פון דער חומש׳דיגער מוטער רבקה . . .

עס האָט זיך געקענט אויסדוכטען אַמאָל אַז אין וולאַדעק׳ן רייסען זיך אַרום היפּוכים, און ער איז אַ צעריסענער מענטש.

אָבער דאָס איז ניט געווען אַזוי. וולאַדעק איז אפשר געווען אַ ליידנדיקער מענטש, ווי אַלע סענסיטיווע נאַטורען זיינען. אָבער ער איז געווען אַ גאַנצער מענטש. פון אַלע שטריכען און שטריכעלעך אין אים האָט זיך געשאַפען, און איז געשאַפען געוואָרען די פּערזענלעכקייט — וולאַדעק.

אין דעם איז געלעגען זיין טאַלאַנט און זיין העכסטע דערגרייכונג.

2

גלייך אין אָנהויב פון זיין דערשיינען אויף דער בימה פון דעם אידישען לעבען, איז ער דערשינען ווי אַ פּערזענלעכקייט אין אידישען סאָציאַליזם, און ניט סתם ווי אַ בונדיסט. ער האָט באַקומען דעם נאָמען: „דער יונגער לאַסאַל״, און אָט דער נאָמען אַליין האָט אים שוין באַזונדער געשטאַלטעט צווישען זיינע פּאַרטיי נאָענטע. וולאַדעק האָט שנעל איינגענומען דעם עולם, און מען האָט גע־לעכצט נאָך זיינעם אַ וואָרט.

געוועזן נאָך גוטע רעדנער אַרום אים — סאַי אין זיינע יונגע און אין זיינע שפּעטערדיקע טעג. וואָס, פרעגט זיך, איז געוועזן אין אים אַזוינס, וואָס האָט מער אויסגענומען ביים עולם? איך מיין אַז דאָס איז געוועזן זיין האַרציגע פאָלקס־טימלעכקייט. אויך דאָס איז געוועזן איינע פון די הויפּט מעלות פון זיין פּער־זענלעכקייט. ער האָט ליב געהאַט די מאַסע. אַנדערע האָבן די מאַסע אַגיטירט, זי געלערנט, גע׳מוסר׳ט. ער האָט זי ליב געהאַט.

אָט דער שטריך אין אים, די פאָלקסטימלעכקייט, איז געוועזן אַ נייס אין די אַמאָליקע טעג פון „בונד״. דאָס רוב בונד־פירער פון יענער צייט זיינען געוועזן סאָציאַל־דעמאָקראַטן וועלכע האָבן די תורה געלערנט ביי פּלעכאַנאָוו׳ן, אָדער ביי קאַרל מאַרקס׳ן אַליין. זיי זיינען געוועזן רוסיפיצירט, און זיי זיינען אַראָפּגעקומען צו דער מאַסע פון עפּעס אַ הויך. זיי האָבן אפט ציטירט פסוקים פון פרעמדע ספרים. ניט אַזוי וולאַדעק. ער האָט צוזאַמען מיט אַ. ליטוואַק׳ן געהאָלפן פאַרפאָלקסטימלעכן דעם „בונד״. אויף דער טעאָריע פון דער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע האָבן אַנדערע קעפּ געאַרבעט. וולאַדעק, מיט זיין פאָלקס־געפיל האָט געבראַכט פאָלקסטימלעכקייט. אין דעם האָט ער אייגענטלאך אויסגעפירט אַ היסטאָרישע מיסיע און האָט געהאָלפן דעם „בונד״ זיך צו דערהויבן און זיך צו פאַרוואָרצלען.

וולאַדעק האָט געבראַכט אַ אידיש ווערטעל, אַ אידישע חכמה, אַ אידישען משל מיט אַ פיינעם נמשל דערצו. זיינע צוהערער האָבן דערפילט: ס׳איז זייערס, ס׳איז אייגענס.

צוליב דעם איז וולאַדעק געוואָרען אַזוי באַליבט און פּאָפּולער. ער האָט אין דער אידישער געזעלשאַפטלעכקייט געשאַפען דאָס, וואָס קינסטלער האָבן געשאַפען אין דער ליטעראַטור.

עס איז אויסגעקומען אַז די זעלבע ראָלע האָט וולאַדעק געדאַרפט שפּילען, און געשפּילט, ווען ער איז שפּעטער געקומען קיין אַמעריקע.

אויך דאָ אין אַמעריקע האָט די ערשטע עפּאָכע פון סאָציאַליסטישער פּראָ־פּאַגאַנדע זיך אויסגעצייכענט מיט סאָציאַליסטישער השכלה. אַ משכיל האָט אין תוך געמיינט: איך וויים, און איר ווייסט גוט. אַ משכיל האָט געמיינט: מען דאַרף אייך אויס׳מוסר׳ן און מען דאַרף אייך לערנען. אַ משכיל ביי אידען האָט אויך געמיינט: איך האָב געלערענט ביי די גויים און איר ניט.

דאָס איז געוועזן דער גייסט פון דער ערשטער סאָציאַליסטישער עפּאָכע דאָ אין אַמעריקע. ווען וולאַדעק איז אַהער געקומען אין יאָר 1914, האָט ער ניט געדאַרפט זוכען קיין נייעם וועג פאַר זיך, נאָר ער האָט דאָ, אויף איסט בראָדוויי, געדאַרפט בלויז אויספירען די זעלביגע שליחות און די זעלביגע מיסיע, וואָס ער האָט אויסגעפירט און אויסגעפילט אין מינסק. ער האָט אויך דאָ אין דעם היגען „געטאָסיזם״ געבראַכט און אַריינגעבראַכט זיין וולאַדיקשע פאָלקסטימלעכ־קייט. ער איז דעריבער דער פאָרשטייער פון אַ נייער שטימונג, איך וואָלט

געזאָגט אידישער שטימונג, אין די קרייזען אַרום „פאָרווערטס" און אַרום די יוניאָנס.

דאָ, וואו די פאַרטייאישקייט, און די מחיצה צווישען דעם סאָציאַליסטישען אַגיטאַטאָר און צווישען דעם אידישען עולם איז אפשר געווען נאָך שטאַרקער און נאָך בולטער, ווי אין דער אַלטער היים — איז וולאַדעק'ס טעטיקייט געווען אַ נייעס, און אָפט אַ חידוש. מען האָט געזוכט אין אים פגימות אַז ער היט ניט די ליניע, און אַז ער גייט ניט אין דעם אנגענומענעם שאַבלאָנעם וועג.

אָבער וולאַדעק איז געגאַנגען וואוהין זיין האַרץ האָט אים גערופען. וולאַדעק האָט אויך דאָ ווייטער געשאַפען זיין פערזענלעכקייט. און ער האָט באַגליקט. דורך אַלע שוועריקייטען און דורך אַלע היגע לעבענס־קאָנטראַסטען איז ער גע־בליבען ער, ב. וולאַדעק. מען האָט אים קיין אַנדערען קיינמאָל ניט געקענט פאַרביטען.

איז ער געווען דער גרעסטער אין „בונד"? ניין. איז ער געווען דער גרעסטער צווישען די אידישע־פירנדיגע פיגורען דאָ אין אַמעריקע? ניין. אָבער ער איז געווען ער!

עס ווערט דערציילט אַז דער חסידישער רבי ר' מאיר פרעמישלאַנער האָט אַן ערך אַמאָל אַזוי געזאָגט: ווען איכ'ל קומען אויפן עולם האמת, און מען וועט ביי מיר אַפרעג טאָן פאַרוואָס איך בין ניט געווען אַזוי גרויס ווי רבי עקיבא — וועל איך קיין מורא ניט האָבען. איך וועל זאָגען: איך בין ניט באַשאַפען געוואָרען צו זיין אַ רבי עקיבא. און אַז מען וועט ביי מיר פרעגען פאַרוואָס איך בין ניט געווען אַזוי ווי ישראל בעל־שם־טוב, וועל איך ענטפערען: איך בין ניט באַשאַפען געוואָרען מיט זיין גרויסקייט. נאָר אַז מען וועט ביי מיר פרעגען: פאַרוואָס ביסטו, מאיר פון פרעמישלאַן, ניט געווען מאיר — פאַר דעם שרעק איך זיך . . .

אַזוי איז דאָך אויך מיט וולאַדעק'ן. ער איז ניט געווען דער און ער איז ניט געווען יענער. ער איז אָבער געווען דער — צו וואָס ער איז באַשאַפען גע־וואָרען. ער איז געווען — וולאַדעק.

3

וועגען וולאַדעק'ס סאָציאַליזם, און וועגען וולאַדעק'ס סאָציאַליסטישען גאַנג, וויל איך נאָך זאָגען דאָס פאָלגענדיגע: וולאַדעק האָט ניט געהאַלטען פון סאָ־ציאַליזם לשם שמים, לשם טעאָריע. וולאַדעק האָט געהאַלטען פון אָנגעווענדעטען סאָציאַליזם. אַזוי ווי עס זיינען דאָ פאָרשער וואָס זיי האַלטען נישט אַזוי פון לאַ־באָראַטאָרישער אַרבעט ווי פון אָנגעווענדעטער און דורכגעפירטער פאָרשונג — דורכגעפירט אויפן לעבען.

וולאַדעק האָט מיטגעהאָלפען גרינדען דעם אַמעריקאַנעם „אָרט"; ער האָט אָרגאַניזירט דעם קינדער געצייג־קאַמפּיין; ער האָט געגרינדעט דעם אידישען

אַרבעטער קאָמיטעט. עס האָבען זיך באַוויזען די וולאַדעק־הייזער אויף דער איסט סייד.

דאָס אַלץ איז געווען וולאַדעק׳ס סאָציאַליסטישע טעטיקייט, אַ סאָציאַליזם וואָס ברענגט הילף און קאָנסטרוקטיווען אויפבוי גלייך אויף אָן אָרט.

וולאַדעק האָט מענטשען געטאָן אַ סך טובות. וועלכע טובות? וולאַדעק׳ס טובות זיינען געווען אויפצובויען עמיצענס אַ לעבען קאָנסטרוקטיוו, אים צו העלפען זיך שטעלען אויף די פיס, געפינען פאַר דעם מענטשען אַ באַזע, אַ מקום. זיינע טובות זיינען, אין אידישען זין גענומען, געווען: מעשים טובים.

ער האָט געגעדט וועגען כלל אָבער ער האָט ניט פאַרזען דעם יחיד; ער האָט ווי אַ רעדנער גערעדט וועגען דער מענטשהייט, אָבער ער האָט ניט פאַר־געסען אָן דעם מענטשען. ער האָט גערעדט וועגען אַמעריקע, ער האָט זייער ליב געהאַט אַמעריקע, ער האָט ליב געהאַט דעם גייסט פון דזשעפערסאָן און לינקאָלן, אָבער די וואַרעמקייט פון דעם איד אין אים איז קיינמאָל ניט אָפּגעקילט געוואָרען. ער האָט געשריבען אָן עסיי וועגען לינקאָלן, און אַ דראַמע וועגען משה רבינו. ער האָט זיי ביידען געוואָלט צונויפפּאָרען.

וולאַדעק האָט זיך גע׳חבר׳ט מיט אַמעריקאַנער פּאָליטיקער. אָבער ער איז אייביג געבליבען דער אָפענער און שטאָלצער איד. אין שייכות מיט דעם איז כדאי צו דערציילען וואָס האָט אַמאָל געטראָפען אין ניו יאָרקער באָארד אָוו אָלדערמאָן. וולאַדעק איז דעמאָלט געווען אָן אָלדערמאַן. עס זיינען אָנגעקומען אין ניו יאָרק דר. חיים וויצמאַן און פּראָפעסאָר אַלבערט איינשטיין, און אַ פאָר־שלאָג איז געמאַכט געוואָרען אין דעם באָארד אָוו אָלדערמען אָנצוטאָן די חשוב׳ע געסט דעם טראַדיציאָנעלען כבוד פון געבען זיי „די פרייהייט פון דער שטאָט״. אַזאַ מין באַשלוס דאַרף אָנגענומען ווערען איינשטימיג. אָבער אָט האָט זיך אויפגעשטעלט אַ רעפּובליקאַנער אָלדערמאַן מיטן נאָמען קאַלינס, אַ שטיקעל אַנטיסעמיט, און האָט דערקלערט, אַז ער איז געגען דעם פאָרשלאָג, אַז מען דאַרף די צוויי „פרעמדע״ אַזאַ כבוד ניט אָנטאָן. דערביי האָט ער זיך אַליין רעקאָ־מענדירט, ווי אָן עכטען אַמעריקאַנער, וועמעס עלטער־עלטער־זיידע איז געווען סעקרעטאַר פון לאָרד באַלטימאָר, דעם גרינדער פון דער שטאָט, וואָס טראָגט זיין נאָמען.

דער טעמעני־פירער פון דער באָארד אָוו אָלדערמאָן האָט איינגעזען, אַז דער אומאַנגענעמער אינצידענט קאָן זיין שעדלאָך. עס טויג ניט פאַר טעמעני זיך איינצורייסען מיט דער אידישער באַפעלקערונג. אָבער צווישען די טעמעני אָלדערמען האָט ער ניט געפונען קיינעם, וואָס זאָל קאָנען געבען אַ גענוג שטאַר־קען ענטפער דעם אַנטיסעמיטישען רעפּובליקאַנער. ער האָט זיך געווענדעט צו וולאַדעק׳ן, ער זאָל דאָ ראַטעווען. וולאַדעק האָט קאַלינס׳ן געענטפערט אַזוי, אַז קאַלינס האָט דערנאָך באַלד צוריקגעצויגען זיין איינווענדונג, און דער פאָרשלאָג צו ערען וויצמאַנ׳ען און איינשטיינ׳ען איז אָנגענומען געוואָרען איינשטימיג.

וולאַדעק׳ס רעדע איז דעמאָלט געווען איבערגעדרוקט אין אַלע היגע אַמע־

ריקאַנער צייטונגען. צווישען אַנדערעס האָט ער געזאָגט: „מר. קאָלינס׳עס על־טער־עלטער־זיידע איז געווען אַ סעקרעטאַר ביי לאָרד באַלטימאָר. מיר ווייסען דאָך, וואָס דאָס האָט באַדייט. ער האָט מסתמא געפּוצט דעם לאָרד׳ס שטיוועל און האָט אים באַדינט אויף אַנדערע אופנים. מיין עלטער־עלטער־זיידע און דער עלטער־עלטער־זיידע פון וויצמאַנ׳ען און איינשטיינ׳ען איז אָבער אויך געווען אַ סעקרעטאַר ביי אַ לאָרד (דאָס איז אַ וואָרט־שפּיל: „לאָרד״ מיינט אויך „גאָט״). דאָס איז געווען משה, וואָס האָט אויסגעפירט גאָט׳ס שליחות און האָט באַפרייט זיין פאָלק פון קנעכטשאַפט און וואָס האָט דערנאָך, ווי אַ גוטער סעקרעטאַר, פאַר־שריבען אויף לוחות גאָט׳ס צען געבאָט״.

מעדעם האָט דעמאָלט באַשלאָסען, אַז אַ סאָציאַליסט דאַרף זיך ניט מישען אין אַן אָנגעלעגענהייט, וואָס רירט אָן טעמעני און די ציוניסטען. וולאַדעק ווי־דער האָט געהאַלטען, אַז עס זיינען פאַראַן אַלגעמיינע אידישע פראַגען, וואָס גייען אַרויס פון די ראַמען פון פאַרטיי־אינטערעסען, ווערען אַן ענין פון גאַנצען פאָלק, און אַ אידישער סאָציאַליסט מעג און דאַרף זיך יע מישען אין אַזאַ מין ענין.

4

וולאַדעק אַלס רעדנער. איך האָב וולאַדעק געהערט ריידען עטלאכע מאָל. און אָט אַזוי האָט וולאַדעק גערעדט . . .

יעדער גוטער רעדנער האָט זיך זיין מאַניער, ווי ער האַלט זיך אויף דער בינע, און ווי ער פירט מיט די הענט בעת דעם ריידען. לויט דעם מאָך פון דער האַנט קען מען אַמאָל זען וואָס פאַר אַ מין רעדנער דאָס איז.

פאַראַן אַ רעדנער, אַ פאָלקסטריבון, וואָס זיין געוויינלעכע פּאָזע איז אַז ער הויבט אויף ביידע הענט פאַר זיך און ער פאַרמאַכט זיי אין פויסטען, ווען ער איז אין עקסטאַז. דאָס איז דער קעמפער־רעדנער. ער קעמפט מיט די פויסטען.

פאַראַן ווידער אַ רעדנער פון אַ לעקטאָר טיפּ, וואָס ער שטרעקט אויס איין האַנט, אַן אָפענע, און ער באַוועגט זי לייכט, אַזוי ווי אַ בלאַט. עס קוקט אויס ווי די גאַנצע תורה וואָלט ליגען אויף זיין אָפענער האַנט. אַזאַ מין רעדנער־לעקטאָר איז געווען דר. חיים זשיטלאָווסקי. ער, זשיטלאָווסקי, וואָס איז געווען אַ גרויסער בעל־מסביר, האָט נאָך ליב געהאַט זייער אָפט בעת דעם ריידען צו גראָבען אין דער לופט מיטן גראָבען פינגער, אַזוי ווי אַ דרדקי־מלמד, ווען ער לערנט מיט די תלמידים.

געווען אַ גוטער רעדנער ביי אונז מיט דעם נאָמען דר. נחמן סירקין. ער, בעת ער איז געווען אין עקסטאַז, פלעגט מיט דער רעכטער האַנט גיין פון זיך צום עולם צו, אַזוי ווי ער וואָלט געשוואומען אין אַ טיפען ים, אָדער ער וואָלט אַוועקגערודערט אין דער ווייטקייט אַריין . . .

פאַראַן ווידער אַ רעדנער, וואָס בעת ער רעדט, האַלט ער זיך ביי זיין איי־

גענעם לאַץ אָדער ביי אַ קנעפּל, אַזוי ווי ער וואָלט מורא געהאַט אָנצוווערען דעם געדאַנקען־גאַנג און פאַרבלאָנדזשעט צו ווערען.

דער גרויסער דעבס פלעגט אין עקסטאַז אויסשטרעקען זיין רעכטע האַנט צום האָריזאָנט און נביאות זאָגען, אַז די זון וועט אויפגיין . . .

וולאַדעק איז געווען פּאַטעטיש געניגט, ער פלעגט בעת דעם ריידען אַריינ־פאַלען אַמאָל אין אַ טראַנס. אין אַזוינע מאָמענטען פלעגט ער אויפהויבען איבער זיך די רעכטע האַנט אין דער הויך, אַזוי ווי אַ פאָן צום הימעל, אַזוי ווי אַ פייערזייל.

אין אַזוינע מינוטען פלעגט ער היגרייסען דעם עולם און היגרייסען זיך אַליין. דאָס איז געווען דער אויסדרוק פון זיין שפּערישען עקסטאַז.

5

וולאַדעק אַלס שרייבער. וולאַדעק האָט געשריבען קריטיק, און אָפט זייער גוטע קריטיק. ער האָט אויך געשריבען אייניגע פיינע לידער. ער האָט איינ־געגעבענע רייזע־באַשרייבונגען: רייזעס איבערן ים און רייזעס איבער אַמעריקע. ער האָט אָנגעשריבען אַ דראַמע „משה רבינו״.

אויסער דעם האָט וולאַדעק אַ סעריע וואָס ער רופט אָן: „קינדער פון פאָלק״. (מען קען דאָס אַלץ געפינען אין דעם זאַמעלבוך: „ב. וולאַדעק״, רע־דאַקטירט פון יעפּיס ישורין, דערשינען אין יאָר 1936).

און די סעריע; „קינדער פון מיין פאָלק״ זיינען זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר וולאַדעק׳ס גאַנצער פּערזענלעכקייט. ער באַשרייבט דאָרט טיפּען פון בונ־דיסטען אין קליינע שטעטלעך, אָדער טיפּען וועלכע ער האָט געטראָפען אין די טורמעס בעת ער אַליין איז געווען אַ פּאָליטישער אַרעסטאַנט. דאָ זעט זיך זיין ליבשאַפט צום פּשוט׳ען מענטשען. דאָס איז אַ ליבשאַפט וואָס גיסט זיך צוזאַמען מיט דעם גאַנצען גייסט פון דער אידישער ליטעראַטור.

אַ מעשה וועגען „אַ פאַרזאַמלונג אויפן בית־עולם״. וולאַדעק האָט ערגעץ אין אַ שטעטעל געדאַרפט ריידען געגען ניקאָליי׳ען . . . די פאַרזאַמלונג האָט געדאַרפט פאָרקומען אויפן „מאָהילניק״. אָבער אַזוי ווי דאָס גאַנצע שטעטעל איז געלעגען אין אַ טיפען שניי, האָבען צוויי „יאַטען״ געטאָן עפּעס אַזוינס וואָס דערשיינט שיער ניט ווי אַ סימבאָל. איינער האָט זיך אַוועקגעלייגט ביים מאָ־הילניק אויפן שניי, און דער צווייטער, אַ געזונטער, יונגער בונדיסט, האָט אים געשלעפּט פאַר די פיס איבערן שניי פון מאָהילניק ביזן שטעטעל. אַזוי האָט ער מיט דעם מענטשלאַכען גוף געמאַכט אַ שמאָלע סטעזשקע פאַר וולאַדעק׳ן.

פאַראַן ביי אים אַ מעשה: „חנה׳לע״. מען זיצט אין אַ טורמע. די פּאָ־ליטישע אַרעסטאַנטען האָבען זיך פאַרזינדיקט און עס טאָרען נישט קומען צו זיי קיין באַזוכער. אָבער אויף יענער זייט טורמע, האַרט לעבען דער הויכער שטיינערנער וואַנט, איז געשטאַנען אַ נייע, קליין הייזעל מיט רויט געקאַרבטע לאָדען, מיט אַ נייעם שינדעל־דאַך, און מיט אַ נידעריקן, ברייטען גאַניק. אין הייזעל האָט געוואוינט אַ שוואַרצער, בערדיקער איד וואָס זיין מלאכה, די

שמידעריי, האָט אים געמאַכט נאָך שוואַרצער. און אָט דער איד האָט געהאַט אַ קראַנק ווייב מיט צוויי קינדערלאך. איינס פון די קינדער, די געגרייזלטע, דראָב־נינקע, פּינפּיאָריגע חנה׳לע איז געוואָרען די טרייסט און דער ליבלינג פון די פּאָליטישע געפאַנגענע. זי פלעגט זיך באַווייזען אויפן גאַניק, און מיט איר געזיכט פאַרריסען צו דער טורמע, פלעגט זי מיט איר שטימעלע, ווי מיט אַ זילבערן גלעקעל, נעמען רופען: „וואָס, וואָס מאַכט איר? קומט אַהער! איך וויל אייך זען; איך וויל ריידען מיט אייך!״

אַזוי האָט די קליינע חנה׳לע געבראָכען די שטרענגע פאַרבאָטען פון דער טורמע, און זי האָט געטרייסט די הערצער פון די פּאָליטישע אַרעסטירטע.

פאַראַן אין דער סעריע „קינדער פון מיין פאָלק״ נאָך אינטערעסאנטע טיפען. פאַראַן דער גיבור, וואָס מען רופט אים „קעצעלע״ וועלכער מאַכט צירק־קונצען פאַר די אַרעסטירטע און ברענגט אַריין הומאָר אין זייער פאַרגראַטעוועטען לעבען.

פאַראַן ווידער אין אַן אַנדער קאַמער ניט קיין רעוואָלוציאָנער, נאָר אַ גנב, אַ אידישער גנב. נאָר אין טורמע האָט ער חרטה געהאַט, און האָט אָנגענומען דעם מוסר פון די רעוואָלוציאָנערען. ער זינגט כל נדרי, ער זינגט אַן אַנדער אידישע תפילה. ער בעט מחילה פאַר זיינע זינד. אַז ער וועט אַרויס פון טורמע, וועט ער שוין זיין גאָר אַן אַנדערער.

טיפען און געשטאַלטען, סצענעס און סצענקעס, שטריכען און שטריכעלעך וואָס לאָזען איבער אַ טיפען איינדרוק.

———:———

און אָט אַזוי האָבען מיר דאָ וואָלאַדעק׳ן געזען אויף איסט בראָדוויי, דאָס קינד פון דוקאר, מינסקער גובערניע, דער ברודער פון ש. ניגער און דניאל טשאַרני. אַ קינד פון אַ גרויסער עפּאָכע אין אידישען לעבען. און אָט אַזוי האָבען מיר אים געזען ווי ער גייט הויך און שלאַנק מיט אַזאַ ליבען, מילדען פּנים.

ווער איז געווען וואָלאַדעק? וואָס איז געווען וואָלאַדעק? וואָלאַדעק איז געווען אַ שיינע פּערזענלאכקייט.

ב. וולאַדעק:

יזכור...

(פון זיינע שריפטען)

„און די פאַרבאָרגענע פיגור, וואָס האָט מיך
נאָך אַלץ געהאַלטען פאַר׳ן האַנט האָט פאַר מיר
אַנטפּלעקט די קברים פון גאַנצער מענשהייט...״
„די לעבעדיגעריהייט־באַגראָבענע״ —
עדגאר אלען פּאָו

כ׳וויל מאַכען אַ הזכרת נשמות . . .

ניט די וואָס זיינען געשטאָרבען אין אַן ענגען בעטעל, אַרומגערינגעלט פון פריינט און משפחה, — אויף זייערע קברים שטייען איצט גרויסע שווערע מצבות מיט גאָלדענע אותיות . . .

ניט די, וואָס זיינען געשטאָרבען פון מצוה־תעניתים און פרומער נזירות — אויף זיי האָט מען הספּדים געמאַכט און אמת׳ע אָדער פאַלשע טרערן געגאָסן.

און ניט די, וואָס זיינען פון צופיל עסן אָדער צופיל עבירות געשטאָרבען — זיי האָבען ירושה געלאָזען — געלט, קרענק און געמיינהייט.

כ׳וויל דערמאָנען די, אויף וועמענס קברים ס׳וואַרפען זיך הילפלאָז אום צופוילטע הילצערנע ברעטלאך, און די, וואָס ליגען אונטער די פּאַרקאַנעס, און די וואָס טוליען זי צו דער ערד אין ענגע ברידער־קברים, און די, וועמענס אָרט ס׳איז ניט באַוואוסט . . .

אַ געהיימע האַנט „עפענט פאַר מיר די קברים פון דער גאַנצער מענשהייט״ און איך זע:

אין מיליאָנען־מיליאָסען פייכטע פינסטערע גריבער, וואָס האָבען די ערד ווי אין אַ זיפּ צעלעכערט, ליגען מיליאָנען־מיליאָסען . . .

ווער האָט זיי געציילט?

ווער ווייס זייערע נעמען?

ווער ווייס זייערע זינד?

ווער ווייס זייערע טוגענדען?

וועמען האָט געשווידערט פון זייער סוף?

דראָבנע רעגען־טראָפּען אין דעם אומאויפּערליכען רעגען־גוס פון דער געשיכטע,

קלייניקע זעמדעלאַך אויף דעם באָדען פון אונזער עבר,
איינצעלנע פאַרשטומטע טיק־טאַקען פון דעם צייט־זייגער . . .
גרוי איז געווען זייער לעבען, ווי גרוי ס׳איז דער שטויב אויף זייערע קברים.
שווער איז געווען זייער אָנהויב און אונגערעכטיג דער סוף, ווי שווער און אונגערעכטיג עס איז די ערד, אין וועלכער זיי ליגען. —

ווער ווייס —

ווען ויפיל פון זיי האָבען די שווערע רעדער פון טריאומף־וואָגען צעדריקט, פּיראַמידען־רישטאָוואַניעס אַרונטערגעפאַלען; ווען האָט עס ביי דער אַרבעט אַ פאַרקילונג געכאַפּט און ווער איז פּשוט פון הונגער געשטאָרבען; ווען האָט אַ שונא׳ס קויל געטראָפען און ווער האָט אַליין דאָס ציינגעל אַנגעדריקט? . . .

ווער ווייס —

וויפיל פון זיי האָבען נאָך דער זון געבענקט און וויפיל — די זון אין האַרצען געטראָגען? ווער פון זיי האָט מיט דעם לעבען העלדיש געקעמפט און ווער האָט אים אונטערטעניג געדינט?

ווער ווייס —

ווען האָבען זיי מצבות געקריצט און ווען פאַרן טעמפעל פון „מאַרגען" שטיינער געהאַקט? ווען האָבען זיי געפלוכט דעם טויט און ווען — געפלוכט דאָס לעבען?

מיליאָנען־מיליאַסען! שטומע דיכטער, וואָס האָבען זייערע לידער אויף שטיין און ציגעל געשריבען, אויף ים און יבשה! גרויזאַמע זינגער, וועמענס פּייד־לידער עס האָבען זיך געלאָזט הערען העכער, איידער די סימפאָניען פון דעם אויסגעשטערענטען הימעל, איידער די שטורמענדע מוזיק פון דער נאַטור! — איך מאַך אייך הזכרת נשמות . . .

איר האָט אונז אַ שווערע, דרייפאַך שווערע ירושה, איבערגעלאָזען, — הונ־גער, קייטען און אַ פאַרבלוטיגט הארץ — מיר נעמען זי איבער און, גייענדיג צום צוקונפטס־מקדש, פאַלען מיר כורעים פאַר אייערע שטומע אונענדליכעליידען . . .

מיליאָנען־מיליאַסען! אונבאַוואוסטע האָלץ־העקער און וואַסער־טרעגער, כהנים און לויים אין דעם היכל פון אונזער פאַרגאַנגענהייט. שטומע נביאים און שיכור׳ע העטערעס, צופרידענע קנעכט און מוטיקע קעמפער, אין שלאַכט פאַר פרייהייט געפאַלענע און ווי אָקסען אין שעכטהויז געקוילעטע, — אַלע, אַלע, וואָס האָבן געליטען און — געבויט, געליטען און — געבראָכען, געליטען און — ווילענדיג און ניט־ווילענדיג געוועבט דעם אונענדליכען פאָדים — איך מאַך אייך אַ הזכרת נשמות!

מ. אַשעראָוויטש:

מנחם באָריישאָ

1949-1888

שטריכען פון פערזענליכע זכרונות וועגען
דעם פאַרשטאָרבענעם דיכטער און
פובליציסט

מנחם באָריישאָ

אַ קורצע צייט איידער ער איז פּלוצלונג געשטאָרבען — אפשר ניט מער ווי אַ וואָך פאַר דעם — האָב איך אים בייטאָג געזען אין דעם רעסטאָראַן, וואו אידישע שרייבער טרעפען זיך געוויינליך ווען זיי רייסען זיך אין איילעניש אָפּ פון דער אַרבעט אין די רעדאַקציעס צו כאַפּען ביים עסען אַ שמועס מיט אַן אייגענעם מענשען.

ער איז געזעסען ביי אַ טישעל מיט נאָך אַ פּאָר אידישע שרייבער, און ווען איך האָב אים דערזען פון דער ווייטענס, האָב איך זיך אין אָנפאַנג אַביסעל דערשראָקען.

ער האָט אויסגעקוקט זייער שלעכט; מ׳האָט געקענט זען, אַז ער איז זייער מיד, שרעקלעך אויסגעמאַטערט, שטאַרק פאַרזאָרגט, און אַז כאָטש ער זיצט דאָ ווי אַן אייגענער, איז אים איצט אַלעס אַרום און אַרום פרעמד, און אַז כאָטש ער רעדט וועגען זאַכען, וואָס זיינען אים נאָענט, ווי דער שטייגער איז אַלע מאָל אין אַזעלכע פאַלען ווען מ׳פאַרברענגט מיט נאָענטע מענשען, איז ער אין געדאַנק איצטער דאָך ווייט פון דאַנען. זייער און זייער ווייט.

דאָס פּנים איז ביי אים געווען פאַר׳חושכ׳ט. פון זיינע אויגן האָט אַרויסגעקוקט אַ טיפער טרויער, און אויסגעזען האָט ער אין יענעם מאָמענט עפּעס אַזוי פאַרעלטערט, אַז ס׳איז אין אָנפאַנג פשוט שווער געווען אים צו דערקענען פון דערווייטענס.

פאַרבייגייענדיק האָב איך זיך דאַן מיט אים באַגריסט:

— העלאָו, מנחם, וואָס מאַכט איר עפּעס?

ביים ענטפערן אויף דער באַגריסונג, האָט ער אַ שמייכעל געטאָן און

דאָס מאָל איז אין זיין שמייכעל געווען נאָך מער פאַרבאָרגענער אומעט ווי געוויינליך. אַזוי האָט זיך מיר געדוכט. און ווען איך האָב זיך נאָכדעם אַוועקגעזעצט צווישען עטלעכע פון מיינע קאָלעגען ביי אַן אַנדער טישעל, האָב איך ביי איינעם פון זיי שטיל געפרעגט:

— וואָס איז מיט מנחמ׳ען? ער איז עפּעס ניט געזונט?

און יענער האָט אויף מיר אַ קוק געטאָן פאַרוואונדערט:

— וואָס פעלט אייך איין? פאַרקערט, ער איז לעצטנס געוואָרען נאָך פראָדוקטיווער ווי אַלע מאָל. פּראָדוקטיווער ניט נאָר אין זיין דיכטערישען שאַפען, נאָר אויך אַלס פּובליציסט. ער שרייבט אַ סך, און אין זיינע אַרטיקלען איז דער טאָן אַזאַ קעמפערישער, ספּעציעל ווען ער פאַרטשעפּעט זיך מיט די קאָמוניסטען, וועלכע מאַכען דעם אָנשטעל, אַז ווען ס׳קומט צו זאַכען, וואָס האָבען אַ שייכות מיטן כלל־ישראל, האָבען זיי די גאַנצע חזקה דערויף.

דאָס איז געווען אמת; מנחם איז די לעצטע צייט געווען זייער פּראָדוקטיוו און אין זיינע אַרטיקלען איז דער טאָן געווען אַ קעמפערישער. אפילו אין זיין מיושב׳דיגען אופן פון אַרגומענטירען מיט אַ געגנער, איז דאָך געווען אַזוינס, וואָס האָט אַרויסגעבראַכט דאָס קעמפערישע אין אים, דעם דראַנג זיך איינצושטעלען פאַרן אמת מיט אַזאַ עקשנות, אַז דער געגנער זאָל פילען, אַז ער האָט דאָ צו טאָן מיט איינעם, וואָס וועט זיך ניט נאָכגעבען, מיט איינעם, וואָס וואָרענט באַצייטענס, אַז „ניע זאַפּוגאַיעש”, ווי ער אַליין האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט אין זיינעם אַ פּאָלעמישען אַרטיקעל, אין וועלכען ער האָט געענטפערט אויף די אַטאַקעס, וואָס מ׳האָט געמאַכט אויף אים אין דער קאָמוניסטישער צייטונג, ווען ער איז ווידער געוואָרען אַ שטענדיגער מיטאַרבעטער אין „טאָג” און האָט זיך ווידער גענומען צו פּובליציסטיק.

אָבער כאָטש ער איז לעצטענס אין זיין שרייבען געווען אַזוי קעמפעריש, האָט זיך מיר אין יענעם מאָמענט, ווען איך האָב אים דערזען אינם קאַפעהויז ביי אַ טישעל, דאָך געדוכט, אַז די עלטער האָט זיך עפּעס ווי מיט אַמאָל אָנגערוקט אויף אים און אַז זיין געזונט איז געבראָכען.

עס האָט מיר אָבער דאָך ניט געקענט איינפאַלען, אַז דאָס זע איך אים איצט שוין צום לעצטען מאָל, אַז מער וועל איך אים שוין קיינמאָל ניט זען.

אוודאי איז נאָך דעם גרויסען אידישען אומגליק אונזערען אין די יאָרען פון דער צווייטער וועלט־מלחמה שוין געוואָרען אַ געוויינלעכע זאַך צו זען אַ אידישען שרייבער, וואָס ווערט פאַרעלטערט פאַר דער צייט, ווייל ער טראָגט טיף אין האַרצען דעם גרויסען ווייטאָג פון פאָלק, דעם צער פון אַ אומקום, וואָס האָט צו זיך קיין גלייכען ניט אין דער געשיכטע. אָבער אין יענעם מאָמענט, ווען איך האָב מנחמ׳ען דערזען ביים טישעל מיט דעם פאַר׳חושכ׳טען פּנים און מיט דער איינגעבויגענקייט ביים זיצען, האָב איך ניט געקענט אויפהערען טראַכטען וועגען יענער צייט ווען איך האָב אים דערזען דאָס ערשטע מאָל אין אַמעריקע, ווען ער איז געקומען אַהער ביים אָנפאַנג פון דער ערשטער וועלט־מלחמה.

זיבען און צוואַנציג יאָר איז ער דעמאָלט אַלט געווען. אַ שיינער, אַ פאַר־טרוימטער, מיט אַ קאָפּ שוואַרצע האָר, געדיכטע, און מיט אַ ליבען שמייכעל, וואָס האָט זיך מיט עפּעס גאָר אַ באַזונדער מין חן געפּאַסט צו זיין אייגענאַרטי־גען דיכטערישען טרויער.

כאָטש ער איז דאַן נאָך געווען אַזוי יונג, איז זיין נאָמען אין דער אי־דישער ליטעראַטור שוין געווען באַרימט. עס איז דאַן שוין געהאַט אַוועק קנאַפּע צען יאָר זינט ער האָט אָנגעהויבע[ן] שרייבען. זיינע ערשטע לידער האָט ער געדרוקט נאָך אין 1906, ווען ער איז נאָך קיין פולע אַכצען יאָר ניט אַלט געווען.

ער איז יונג אַריין אין דער ליטעראַטור, און די ליטעראַטור אַליין אונזערע איז דעמאָלט אויך געווען יונג. יונג ניט נאָר דערפאַר וואָס זי האָט אָנגעהויבען מאַכען אירע ערשטע זיכערע טריט לויטן גייסט פון דער נייער צייט, נאָר אויך יונג און קרעפטיק אין אירע האָפענונגען וועגען די צייטען, וואָס וועלען קומען שפּע־טער. עס איז אין אונזער אידישער ליטעראַטור דעמאָלט געווען אַ צייט פון פאַרמעסטען זיך אין כוחות מיט דער וועלט. אַ אידישער שרייבער אין רוסלאַנד און אין פוילען האָט אין זיין שאַפען זיך געדאַרפט ראַנגלען ניט נאָר מיטן איינ־פלוס פון אייגענע, נאָר אויך מיטן איינפלוס פון פרעמדע. שוין אָפּגערעדט פון די אייגענע ראַנגלענישען, וואָס אַ קינסטלער האָט אין זיך און מיט זיך, ביז ער געפינט דעם וועג, אויף וועלכען ער גייט שוין נאָכדעם אַלע זיינע יאָרען.

און מנחם האָט אין זיין שאַפען דורכגעמאַכט אַ סך ראַנגלענישען, זוכענדיג דעם וועג, אויף וועלכען ער איז נאָכדעם שוין געגאַנגען אַלע יאָרען פון זיין קינסטלערישען שאַפען.

ווען מיין אויפגאַבע וואָלט דאָ געווען צו געבען אַן אָפּשאַצונג איבער מנחמ'ען דעם דיכטער, וואָלט איך זיך דאָ אָפּגעשטעלט אויף זיינע גרעסערע ווערק, אויף „זאַוועל רימער", אויפן „גייער" און אויף די אַנדערע ווערק זיינע, וואָס וועלען בלייבען אין אונזער ליטעראַטור. אָבער איך שרייב דאָ ניט קיין אָפּשאַצונג, נאָר שטריכען, קורץ־אָנגעוואָרפענע שטריכען פון פּערזענליכע עראינערונגען וועגען אַפריינד און אַ קאָלעגע, וועלכער האָט ביי מיר, סיי מיט זיין שרייבען און סאַי מיט זיין פּערזענליכקייט, אַלע מאָל אַרויסגערופען אזא געפיל, אַז איך האָב אַלץ געוואָלט זיין נעענטער באַפריינדעט מיט אים, אָבער עס האָט זיך שטענדיג אויסגעדרייט אַזוי, אַז עס איז ניט געווען קיין געלעגענהייט דערויף . . .

בכלל דוכט זיך מיר, אַז כאָטש מ'האָט ביי אונז מנחמ'ען אָפּגעשאַצט ווי אַ דיכטער און אויך ווי אַ פּובליציסט, האָט מען אים דאָך אַריינגעשטעלט אין עפּעס אַזאַ אַטמאָספערע, וואָס האָט פאַר אים פאַר ערגעץ פאַרשטעלט אַ וועג.

איך וואָלט געזאָגט, אַז מ'האָט זיין שאַפען געפּאַקט אין קליינע פּודעלעך, בעת אין דער אמת'ן האָט מען דאָס אויף אַ ברייטען פאַרנעם געקענט פּאַקען אין גרויסע קאַסטענס. . . .

ניט נאָר אַנדערע האָבען דאָס געטאָן פאַר אים, נאָר אויך ער אַליין האָט דאָס געטאָן . . .

ביי די אַנדערע זיינען די כוונות דערביי דווקא ניט געווען קיין שלעכטע; זיי האָבן אַלץ געוואָלט אָפּטיילען מנחמ׳ען דעם דיכטער פון מנחמ׳ען דעם פּראָזע־שרייבער. און וואָס שייך אים אַליין, האָט ער זיך ביסלעכווייז אַזוי אַריינגעלעבט אין דער אַטמאָספערע, וואָס געשוואָרענע יודע־חן האָבן אַרום אים געשאַפן, אַז ס׳איז אים שוין ניט געווען שווער צו פּועל׳ן ביי זיך, אַז ס׳מעג שוין ווייטער אויך אַזוי בלייבן . . .

איך גלויב אָבער, אַז עס זיינען דאָך געווען מאָמענטען ווער ער האָט זיך אין דעם געפילט ניט אינגאַנצן היימיש, ווייל אפילו אין זיין פּאָעזיע איז ער אָפּט אויך געגאַנגען אויף אַזעלכע וועגן, אַז מ׳האָט זיין שאַפן געדאַרפט אַריינגעמען דווקא ניט אין די קליינע און זייער פיין געשניצטע פּודעלעך, נאָר אויף אַ ברייטען פאַרנעם אין גרויסע קאַסטענס . . .

אין די עטליכע און דרייסיג יאָר וואָס מנחם איז געווען אין אַמעריקע זיינען געווען צייטען ווען מ׳האָט פון אים אין דער אידישער ליטעראַטור לאַנג ניט געהערט. מ׳האָט זיין נאָמען ניט באַגעגענט אין די צייטונגען, אויך ניט אין די זשורנאַלען; ער האָט זיך אין ערגעץ ניט געוויזען, ניט מיט קיין לידער און אויך ניט מיט קיין פּראָזע. אין אַזעלכע פאַלען טראַכט מען געוויינלעך וועגן אַ שרייבער, אַז ער האָט זיך דערווייטערט פון דער ליטעראַטור. וועגן מנחמ׳ען אָבער האָט מען קיינמאָל אַזוינס ניט געקאָנט טראַכטען; מ׳האָט שוין געוואוסט, אַז דווקא דאַן ווען מ׳זעט ניט זיין נאָמען אַ לאַנגע צייט, ניט אין קיין צייטונג און ניט אין קיין זשורנאַל, אַרבעט ער אויף אַ גרעסערער זאַך, און ווען ער׳ וועט פאַרטיג ווערען, וועט מען שוין פון אים הערען.

און אַזוי איז טאַקע געווען: מנחם איז אַרויסגעקומען מיט זיינע גרעסערע ווערק נאָכדעם ווי מ׳האָט פון אים אַ לענגערע צייט ניט געהערט.

ער האָט זיך געוויינליך אַלע מאָל פאַרמאָסטען אויף גרעסערע זאַכען. גרעסער ניט נאָר וואָס שייך פאָרמאַט, נאָר אויך וואָס שייך פאַרנעם און אינהאַלט. און אויב אפילו דאָס פאַרמעסטען זיך איז אַמאָל געווען אַריבער זיינע כוחות, האָט דאָס אים אויך ניט אָפּגעשראָקען, ווייל גרויסקייט אין פאַרנעם האָט אים אַלע מאָל גערייצט און ער האָט דערביי, אין זיין שאַפן, געפּרואווט געבען דאָס בעסטע, מיט וואָס גאָט האָט אים געבענשט.

אין די צייטען ווען מ׳פלעגט זיין נאָמען לאַנג ניט זען אין דער אידישער ליטעראַטור, פלעג איך זיך מיט אים אַמאָל זען. ניט אָפּט, נאָר זעלטען. און קיינמאָל האָט ער דאַן ניט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ דערווייטערטען. און ער איז אויך קיינמאָל ניט געגאַנגען אויף די וועגן פון יענע שרייבער, וועלכע פּועל׳ן ביי זיך, אַז זיי האָבן אין דער ליטעראַטור שוין זייערס אָפּגעטאָן און מער דאַרפען זיי שוין ניט.

אין זיין מיושב׳דיקייט איז ער דאָך געווען אַן אַקטיווער מענש. איך געדענק ניט קיין איין וויכטיגע גרויסע אונטערנעמונג אין אונזער אידישען קולטורעלען לעבען דאָ אין אַמעריקע, וואו מנחם האָט זיך ניט באַטייליגט ווי איי־

גער פון די אַקטיווע טוער. ווען נאָר מ׳האָט געקלאַפּט טרעוואָגע וועגן דער אויפלעבונג פון דער אידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע, איז מנחם געווען צווישען די ערשטע, וואָס האָבען זיך אָפּגערופען, און עס זיינען אויך געווען פאַלען ווען ער איז צווישען די וואָס האָבען געקלאַפּט די טרעוואָגע, אויך געווען דער ערשטער.

ער איז געקומען קיין אַמעריקע יונג, און פונקט אין אַזאַ צייט ווען אונזער אידישע ליטעראַטור דאָ איז אויך געווען יונג.

איך געדענק נאָך דעם הארציגען קבלת־פּנים וואָס די „יונגע" אונזערע האָבען אים דאַן געגעבען ווען ער איז געקומען אַהער. געפּראוועט די שמחה לכבוד אים האָט מען דאַן אין גרויסען „פאָרווערטס"־האָל. עס איז געקומען אַ גרויסער עולם. אַלע — ליבהאָבער פון גוטער אידישער ליטעראַטור, פון אי־דישען וואָרט, פון אידישען שאַפען. דאָס איז נאָך געווען אין די צייטען ווען אין אונזער ליטעראַרישער אַטמאָספערע האָט זיך געפילט וואַרימקייט און ס׳איז געווען אַן עולם, אַ לייענענדיגער אידישער עולם, פון וועלכען עס האָט גע־שטראָמט מיט וואַרימקייט. אַלע אין גרויסן זאַל האָבען געוואַרט אויף דעם מאָמענט ווען מ׳וועט פאַרשטעלען מנחמ׳ען, און ווען מ׳האָט אים פאַרגעשטעלט, איז מען געווען איבערראַשט פון דעם, וואָס ער, דער דיכטער, וועלכער האָט שוין אַזאַ נאָמען אין דער ליטעראַטור, איז נאָך אַזוי יונג.

אַזוי שיין און אַזוי יונג!

ביי יענעם קבלת־פּנים אין ניו יאָרק האָב איך זיך אויך באַקענט מיט אים, און נאָך איצט זע איך אַזוי קלאָר ווי ער האָט דעמאָלט אויסגעזען.

נאָכדעם זיינען זיך די יאָרען געגאַנגען זייער וועג.

געגאַנגען און געגאַנגען . . .

און אין דעם מאָמענט ווען איך האָב אים דאָס לעצטע מאָל געזען אין קאַפע־הויז אַ פאַרעלטערטען, אַ פאַר׳חושכ׳טען, מיט אַ טיפען טרויער אויפן פּנים און מיט עפּעס אַזאַ נעבעכדיגער איינגעבויגענקייט ביים זיצען, האָב איך געטראַכט וועגן יענעם יונגען און שיינעם מנחם, וואָס איך האָב דאָס ערשטע מאָל געזען מיט פיר און דרייסיג יאָר צוריק ווען מ׳האָט פאַר אים, טאַקע דאָ אויף דער זעלבער גאַס, געמאַכט אַ קבלת־פּנים . . .

ווי שנעל עס זיינען דאָס אַוועק די יאָרען!

אַ שווער געפיל האָט גענאָגט דאָס הארץ. און נאָכדעם איז אַוועק אַ וואָך, אָדער אפשר אַביסעל מער ווי אַ וואָך, און איך האָב אין דער היים — דאָס איז געווען, געדענק איך, אין אַ שבת — געלייענט מנחמ׳ס אַן אַרטיקעל, דעם לעצטען אַרטיקעל זיינעם, אין וועלכען ער האָט מיט אַ טיפען ווייטאָג אין הארצען און דאָך אין אַ מיושב׳דיגען טאָן, ווי זיין שטייגער איז געווען, גערעדט וועגן דעם אונטערגאַנג פון אידישקייט אין סאָוועט־רוסלאַנד און אין די אַנדערע לענדער פון קאָמוניסטישער דיקטאַטור.

מיר איז זייער געפעלן דער אופן ווי ער איז צוגעגאַנגען צו דער טעמע און ווי ער האָט דעם ענין באַהאַנדעלט. און איך האָב געטראַכט, אַז ווען איך וועל ווידער זיין אויף איסט־בראָדוויי און איך וועל זיך מיט מנחמ׳ען טרעפען אין דעם קאַפע־הויז, וואוהין אידישע שרייבער קומען אַריין כאַפּען אַ שמועס ביי אַ טישעל מיט אַן אייגענעם מענשען, וועל איך אים אויסדריקען אַ דאַנק פאַרן אַרטיקעל און איך וועל אים זאָגען אַ גוט וואָרט.

איך האָב ניט געוואוסט, אַז אין דעם מאָמענט ווען איך האָב געלייענט דעם אַרטיקעל, איז שוין מנחם געווען טויט!

זיך דערוואוסט וועגען דעם האָב איך ערשט מיט אַ טאָג שפּעטער, ווען איך האָב דאָס דערזען אין די אידישע צייטונגען.

ער וועט אויספעלען אין דער ליטעראַטור. שטאַרק אויספעלען. אָבער זיינע ווערק וועלען בלייבען און מ׳וועט אים געדענקען.

תהיה נשמתו צרורה בצרור החיים.

דוד איינהאָרן :

ז. סעגאַלאָוויטש

ז. סעגאַלאָוויטש

פאַר די לעצטע חדשים פון זיין לעבען, פלעג איך אים אָפט טרעפען זיצענדיג אויף די טרעפ פון „פאָרווערטס" אומבאַוועגלעך, אפטער, ווי אַ סטאַטוע.

אַ הויכער, אַ דאַרער, מיט אַ מידען געזיכט פון אַ שווער קראַנקען, פאַר זונקען איינגאַנצען אין זיך, אין זיין אייגענער פאַרגאַנגענהייט. האָט ער מיט אַלע כחות פון אַ פאַרצווייפעלטען מענשען געזוכט צו וואַרפען אַ בריק איבער די חורבות, איבער די אויסגעליידיקטע שטעט און שטעטלעך פון זיין אַלטער היים, אין וועלכער ער איז געווען איינגעוואקסען ביט אָפצוטיילען.

ז. סעגאַלאָוויטש, ביט קוקענדיג אויף זיין גאַנצען עגאָ־צענטריזם פון אַ קינסטלער און אָפטער אַ איבערגעטריבענעם עגאָ־צענטריזם, פון וועלכער עס ליידען אַ סך אידישע שרייבער, איז דאָך געווען איינער פון די, וואָס האָט געלעבט ביט מיט זיך, נאָר מיט די מאַסען, מיטן אַלטעגליכען קאָכיגען און רוישיגען אידישען לעבען אין דער אַלטער היים.

ז. סעגאַלאָוויטש איז ביט בלויז געווען אַ פאָעט, ער איז געווען אויך אַ בעלעטריסט און אַ זשורנאַליסט.

אויב זיינע פאָעמען האָבען זיך פאַרנומען מיט זיינע אייגענע געפילען און ערלעבנישען, האָט ער אָבער דעם מאַטעריאַל פאַר זיינע ראָמאַנען, סקיצען, ערציילונגען, רייזע־בילדער און איינדריקען געשעפּט פון אַלטעגלעכען אידישען לעבן.

ער האָט זיך ביט פאַרטיפט אין זיינע העלדען, ער האָט זיי אויך ביט אויסגעקליבען, ער איז געשטאַנען מיט זיין פּען פאַרן פאַרביקען, קאָכיגען שטראָם און געשילדערט אַלץ וואָס איז אים פאַרבייגעגאַנגען מיט אַ לייכטער עלעגאַנטער

שפּראַך און אַ סך ליבע און אַ סך אויפריכטיקייט. און דאָס האָט אים אַזוי פּאָפּולער געמאַכט און באַליבט ביי דעם ברייטען אידישען לעזער אין פּוילען.

עס איז קיין וואונדער ניט, וואָס ער איז געוואָרען דער מקונן אויף דעם חורבן. אין זיינע לעצטע צוויי ביכער פּאָעמען איבער דעם חורבן וואָס רירען אָפּט ביז טרערען, לאָזט ער דורכגיין אין קורצע שיינע פערזן דאָס גאַנצע אידישע לעבען פון דער אַלטער היים.

ער מיידט קיינעם ניט אויס, ער באַקלאָגט אַלעמען — פון דעם בעל עגלה ביז דעם רב, פון דעם בונדיסט ביזן ציוניסט, אַלע טיפּן, אַלע כאַראַקטערן, אַלע קלאַסען, אַלע געשטאַלטען — איין גרויסען צוג פון פאַנטאָמען.

און צייטענווייז דוכט זיך ווי ער וואָלט מורא געהאַט, טאָמער האָט ער עמיצן פאַרגעסן און ניט דערמאָנט. טאָמער האָט ער עמיצן ניט געמאַכט קיין אל מלא רחמים, טאָמער האָט ער עמיצען ניט באַוויינט.

די צוויי ביכער פּאָעמען זיינען פּאַקטיש אַ סטענאָגראַפישע פאַרצייכענונג פון דעם גאַנצען אידישען לעבען פאַר די לעצטע 40 יאָר ביזן חורבן. אָבער ניט קיין פּראָזאַאישע, נאָר אַ טיף־דורכגעלעבטע, אַ טיף דורכגעווייטאָגטע.

סעגאַלאָוויטש האָט געפונען אַזוי פיל האַרציגע ווערטער דורכגעווייקט אין אַזאַ טיפען טרויער, אַז זיינע קלאָג־פּאָעמען וועלען בלייבען פון די וויניגע ווערטפולע קינסטלערישע דאָקומענטען איבער אונזער חורבן.

ז. סעגאַלאָוויטש האָט זיכער ניט נאָר דאָס אידישע אונטער־געגאַנגענע לעבען באַוויינט, ער האָט באַוויינט זיך אַליין, ווייל ער האָט אָן דעם לעבען ניט געקאָנט עקזיסטירען, ער איז געווען ווי אַ פלאַנץ, וואָס מען רייסט אַרויס פון זיין ערד און זיין קלימאַט וואו נאָר דאָרטען קאָן ער לעבען, וואַקסען און געדייען.

אין די גאַז קאַמערען און קרעמאַטאָריומס פון טרעבלינקע און אוישוויץ, האָט מען אים גייסטיג פאַרגאַזט און פאַרברענט צוזאַמען מיט זיין פאָלק.

נאָכדעם האָט ער ווי אַ שאָטען געוואַנדערט איבער דער וועלט און באַוויינט זיך אַליין און זיין פאָלק.

דער שטעמפּעל איז שוין געלעגען אויף אים, און ווען די צייט האָט זיך געענדיקט פון זיין וואַנדערען, איז ער אַוועק צו זיי. נאָכדעם ווי ער האָט פאַר די קינפטיגע דורות איבערגעלאָזען זיין צער, זיין צאָרען, זיין טרויער, זיין פאַרצווייפלונג און זיין איינזאַמקייט. פאַראייביגט אין אַ שיינעם מאָנומענט וואו עס זיינען פאַראייניגט אַלע און אַלץ, מיט וועלכע ער האָט געלעבט און וועלכע ער האָט געליבט און געליטען און געפרייט זיך מיט זיי. דאָרט אין יענעם לאַנד, וואָס האָט שוין פאַר אים מער ניט עקזיסטירט — אַ פינסטערער תהום, וועלכען ער האָט ניט געקאָנט פאַרגיסען מיט זיינע טרערען און איז אין אים אַליין פאַרשוואונדען.

צוויי אידישע פאָלקסלידער*)

דער יתומ׳ל

שלאָגט דער זייגער׳ל איינס:
דער יתומ׳ל ז׳געבליבען אַ קליינס.
און גאָר נישט ניט געטאָן און גאָר נישט ניט געטראַכט,
זאָגט די נשמה׳לע: אַ גוטינקע נאַכט!

שלאָגט דער זייגער׳ל צוויי:
דעם יתומ׳ל טוט די קעפּעלע וויי,
און גאָר נישט ניט געטאָן און גאָר נישט ניט געטראַכט,
זאָגט די נשמה׳לע: אַ גוטינקע נאַכט!

שלאָגט דער זייגער׳ל דריי:
דער יתומ׳ל איז געבליבען פאַרביי.
און גאָר נישט ניט געטאָן און גאָר נישט ניט געטראַכט,
זאָגט די נשמה׳לע: אַ גוטינקע נאַכט!

שלאָגט דער זייגער׳ל פיר:
דער יתומ׳ל ליגט מיט די פיסלעך צו דער טיר.
און גאָר נישט ניט געטאָן און גאָר נישט ניט געטראַכט,
זאָגט די נשמה׳לע: אַ גוטינקע נאַכט!

שלאָגט דער זייגער׳ל פינף:
פאַרן יתומ׳ל איז שוין ניטאָ קיין הילף.
און גאָר נישט ניט געטאָן און גאָר נישט ניט געטראַכט,
זאָגט די נשמה׳לע: אַ גוטינקע נאַכט!

*) פון י. ל. כהנ׳ס זאַמלונגען.

אַ מאַמע

אַי־ליו־ליו, מיין אײנציגעס קינד,
דיין מאַמע וועט ניט קומען, ניט גיך און ניט געשווינד,
ניטאָ קיין מאַמע,
ניטאָ קיין נחמה!

ווער וועט דיר, מיין קינד, קושען און גלעטען,
ווער וועט דיר, מיין קינד, די וויגעלע אויסבעטען?
ניטאָ קיין מאַמע,
ניטאָ קיין נחמה!

ווער וועט דיר, מיין קינד, פוצען און צירען,
ווען וועט דיר, מיין קינד, אין חדר אַוועקפירען?
ניטאָ קיין מאַמע,
ניטאָ קיין נחמה!

דאָס קינד ליגט אין וויגעלע און חלש׳ט וויגען,
די מאַמע ליגט אויף דער ערד צוגעמאַכט די אויגען.
ניטאָ קיין מאַמע,
ניטאָ קיין נחמה!

אַז מען וועט אויספאָרן מיט שיפען פיל ימ׳ען,
וועט מען ניט געפינען דיין אײנציגער מאַמען.
ניטאָ קיין מאַמע,
ניטאָ קיין נחמה!

עס האָט זיך אָנגעצונדען אַ גרויסער פייער,
אַזוי ווי שטרוי אין אַ שייער.
ניטאָ קיין מאַמע,
ניטאָ קיין נחמה!

ה. לאַנג:

פיאָנערן און בויער

(אַ פּאָר אימפּרעסיעס פון בענ־דזשאַמין שלעזינגער און מאַקס פיין)

ב. שלעזינגער

לאָמיר איך דערוויל דערציילען פון צוויי — פון בענדזשאַמין שלעזינגער, דעם „ליטוואַק", און דעם „ווייס־רוסישען" מאַקס פיין.

דאָ איז דער אַמעריקאַנער „קיבוץ גליות". אַזוי איז דער אַרבעטער־רינג ביים לעבען, אַזוי איז אויף די שטעגלאך ביי די מצבות אויף זיין בית־עלמין, און אַזוי אויף אַלע גאַסען, די „לעבעדיגע" און די „טויטע", פון דער גאַנצער אידישער אַרבעטער באַוועגונג. מ'טרעפט־אָן שטעט, לאַנדסמאַנשאַפטען, מדינות; מ'טרעפט מענטשען, וואָס יעדער פון זיי האָט בייגעטראָגען אייגענאַרטיגעס פון זיין אָפּשטאַם, פון דעם וואָס ער האָט איינגעזאַפּט אין זיך אין זיינע פריהסטע יאָרען.

וואָס האָט אויסגעצייכענט דעם ליטווישען איד ביזן אָנהויב פון איצטיגען יאָרהונדערט, און אפשר טאָקע ביז זיין יאָמערלעכען אומקום? צו זאָגען עס בחפזון: צוויי זאַכען — וואָס אייגענטליך זיינען זיי איינס און דאָס זעלבע.

ערשטענס, פאַרהאַנדלען, פּלפּול'ען, לייגען זיך אין דער לענג און אין דער ברייט אויף צו דערגרייכען דאָס געווינשטע, אָבער קיינמאָל אין דעם פאַרהאַנדעל ניט אַוועקצוגעבען די אייגענע נשמה; צווייטענס, אַריינלאָזען זיך טאָקע אין דער גרויסער וועלט, אַריבערשפּאַנען גרעניצען, שיקען קינדער לערנען אַנדערש־

וואו, שיקען זיי אויך אין געשעפטען אַנדערשוואו, אָבער אויף יום־טוב קומען אַהיים.

בענדזשאַמין שלעזינגער איז געווען דער לײדענשאַפטליכסטער פאַרהאַנדלער („נעגאָשיעיטאָר") אין אידישען אַרבעטער־לעבען. מיר האָבען איצט „קאָלעקטיוו באַרגעינינג". ס'איז אַ גאַנצע סיסטעם. דער שאַפּ־טשערמאַן פאַרהאַנדעלט מיטן פאָרמאַן. פּרייז־קאָמיטעס דינגען זיך מיטן באַלעבאָס. מען דינגט אויס לוין, אַרבייטס־צייט, אַ הוספה, „אָווערטאַים". און האָט מען צו טאָן מיט אַן ענין פאַרן גאַנצען פאַך, אָדער אינדוסטריע, קומען די פאָרשטייערס פון דער גאַנצער יוניאָן און די פאַרטרעטערס פון אַלע באַלעבאַטים, און מען פאַרהאַנדלט און מען דינגט זיך ווייטער און ברייטער. ס'איז אַ געוויינליכע זאַך איצט, אָבער ביז מען האָט עס דערגרייכט און איינגעשטעלט, איז עס גאָרניט געווען געוויינליך; מ'האָט ערשט געדאַרפט פאַרהאַנדלען אַז מען זאָל קענען פאַרהאַנדלען — און בענדזשאַמין שלעזינגער איז געווען דער גרויסער פאַרהאַנדלער פון יענער צייט.

פאַרהאַנדעלט האָט ער טאַקע אויף זיין אייגענעם פעלד, ביי פרויען־קליידונג („לעידיס גאַרמענטס"), דער עיקר, ביי „קלאָוקס", אָבער ס'איז געגאַנגען ווירקונג אויך צו אַנדערע פאַכען. ס'האָט געמיינט אַז דער כלל באַלעבאַטים זאָל אַנערקענען דעם כל לאַרבעטער (די יוניאָן) פאַר אַ גלייכען צד אין דער אינדוסטריע, און ביידע צדדים זאָלען פאַרהאַנדלען. איז דערמיט מיטגעגאַנגען סאָציאַלע דערהויבונג פון די אַרבעטער, און דאָס האָט מען געמוזט אויספעכטען דורך סטרייקס; אָבער אויספירען וואָס דורך אַ סטרייק האָט דאָך אויך געמיינט פאַרהאַנדלען, און שלעזינגער האָט דערמיט גע'שמ'ט.

ער האָט דערמיט אָנגעהויבען שמ'ען איידער־נאָך עס איז געקומען דער „פּראָטאָקאָל" פון לואיס בראַנדעיס מיט דער לעגאַליסטיק און אינדוסטריעלען פאַרלאַמענטאַריזם, אַ קעיט פון „קאונסילס" און „באָארדס". דער „פּראָטאָקאָל" איז געווען אַ פיינגעדעקטער טיש אַרום וועלכען צו זיצען און פאַרהאַנדלען; דאָס פאַרהאַנדלען גופא איז געווען אויך פריער. אַמעריקע רימט אונז איצט. די גרויסע, רייכע, הויך און ברייט אינדוסטריעל־אַנטוויקעלטע אַמעריקע האָט איצט לויטער לויב פאַר אונזערע יוניאָנס. זיי, די אידישע, די שניידערשע אימיגראַנטען־יוניאָנס, זיינען די וועגווייזערס צו אינדוסטריעלען פרידען. מיר, די אַמאָליגע אומרואיגע, צערודערטע „פרעמדע", די רעוואָלוציאָנערען פון די געטאָס און פון די וועלדער, זיינען עקספּערטען אין דער קונסט פון פאַרהאַנדלען. דאָס איז אָבער ניט ערשט איצט געוואָרען. מיר האָבען אָנגעהויבען פאַרהאַנדלען גלייך אויף די ערשטע טריט פון אונזערע יוניאָנס — און שלעזינגער איז געווען אַ פּיאָנער.

און פאַרהאַנדלען האָט ביי שלעזינגער'ן געמיינט פּלפּול'ן — דער פּלפּול פון ליטע. און גע'פּלפּול'ט האָט שלעזינגער איבער פּרינציפּען.

פּרינציפּען פון אַרבעטער־רעכט.

למשל: אַז וואָך־ אָדער שטיק־אַרבעט דאַרף זיין דאָס רעכט פון די אַרבע־טער אַליין צו באַשטימען; און אויף וויפיל ס׳קען גילטען דעם אַרבעטער׳ס רעכט אויף זיין אַרבעטס־פּלאַץ, אַז מ׳זאָל אים ניט אַוועקשיקען און פאַרבייטען אויף אַן אַנדערען.

מחמת שלעזינגער׳ס פּלפּול׳ן ביי דער צונויפשטעלונג פון יעדען זאַץ אין אַן אַגרימענט מיט די באַלעבאַטים, איז אַרום אַזעלכע ענינים אויסגעוואַקסען אַ גאַנצער סכאָלאַסטיציזם. ס׳האָט דורך שלעזינגער׳ן געהייסען, אַז אַ יוניאָן־פירער דאַרף מען קענען זיין; ס׳איז אַ תורה צו לערנען און לערנען.

און זיין אויסזען האָט צוגעגעבען קאָליר — אַ לערנער־געשטאַלט, אַ פאַר־מאָגערטער, אַ פאַר׳צער׳טער, אַ ביינערדיגער פּנים מיט בליציגע אויגען פון אַ סכאָלאַסטיק, אַן אַסקעט.

אַ פּיאָנער אין „קאָלעקטיוו באַרגעינינג״, און אַ פּיאָנער פאַר דער סאַמע וויכטיגסטער היסטאָרישער דערגרייכונג פון אידישען אַרבעטער לעבען אין דער נייער וועלט, דער דערהויבונג פון דער אידישער מלאכה גופא.

די אידישע מלאכה — שניידעריי.

שלעזינגער איז געווען דער ערשטער, און פאַר אַ צייט דער איינציגער, צו לייגען זיך אין דער לענג און אין דער ברייט, און צו דערגיין אַלעמען די יאָרען, אַז די גאַרמענט אינדוסטריע זאָל אַנערקענט ווערען פון אַלע געזעלשאַפטליכע כוחות אין לאַנד אַלס אַ פונדאַמענטאַלע אינדוסטריע ווי קוילען, ווי שטאָל, ווי עלעקטריק, ווי בויען הייזער. מען מוז דאָך האָבען קליידער — אַ יאָ, צי ניין? און מען מוז האָבען שיינע קליידער — אוודאי און אוודאי. אָן דעם איז די מענש־ליכע געזעלשאַפט ניט פאַלקאָמען, איז אַן פּראָגרעס, ממש פּרימיטיוו. דאַרף שניידעריי שטיין ניט בלויז ווי אַ שפּיגעל־אינדוסטריע, נאָר אויך ווערען אַ „בעיסיק אינדאַסטרי״. ער האָט וועגען דעם געטרוימט חלום איבער חלום, דער נערוועז־אימפּעדיגער שלעזינגער; און מיט זיין נערוועזען אימפּעט האָט ער אַרגומענטירט מיט די מאָדע־ערפינדערס און מיט די הויפּט־לייט פון דעפּאַרט־מענט־סטאָרס, און ער האָט פאַר דעם געזוכט הסכמות פון פּאָליטיקער, מעיאָרס, גאָווערנאָרס און קאָנגרעסלייט. ער האָט זיך פאַרמאָסטען צונויפצונעמען אַלע נאָדעל־טרעיד יוניאָנס אין איין פאַרבאַנד, איינשליסענדיג קירזשנעריי, און מענער־שנייעדריי אוודאי, און אויך טעקסטיל, וועבען און שפּינען וואָל און קאַטען און זייד, דעם שטאָף פאַר קליידונג, איז דאָס אויך געווען צוליב דעם. ניט אַזוי צו דער מצווה פון אַרבעטער־איניגקייט האָט ער דערמיט געצילט, ווי צו אַן אויפזאַמלונג פון דער גאַנצער שניידערשער מלאכה אַז דאָס לאַנד זאָל זען איר מענטשען־קראַפט און שעצען די מלאכה גופה. אַזאַ שעצונג איז שוין איצט דאָ. געבראַכט דערצו האָט די אַנטוויקלונג פון סאָציאַלער דעמאָקראַטיע אין אַמע־ריקע, וואָס אָרים און רייך גייען אין דיזעלבע קליידער, און אַמעריקע איז גע־וואָרען די שענסט־באַקליידעטע לאַנד אין דער וועלט. און די שעצונג גייט טאַקע צום אַרבעטס־פעלד; ווען דעיוויד דובינסקי, דער יורש פון אַלע ראַנגלענישען

און אַלע קאַמפּען אין די שניידער־פּאַכען, קומט איצט אין וואַשינגטאָן, גייט מען אים אַנטקעגען ווי אַ וואָרט־פירער פון אַ מאַכט־אינדוסטריע. דער פּיאָנערישער טרוימער דערפון איז געווען שלעזינגער.

נאָר אין מיטען פון אַלע אַזעלכע טרעיד־טרוימערייען און טרעיד־פּאַרהאַנדלענישען פלעגט שלעזינגער גאָר זיך אַ הויב־טאָן און אַוועק פון דער יוניאָן. ער פלעגט קומען זיך באַשעפטיגען מיטן „פאָרווערטס" — זיין היים. אַ ליטוואַק פאַרט אויף יום־טוב אַהיים.

***

אַמאָל אין אַ צעפּלאַמטער דיסקוסיע ביי די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען — דעמאָלט ווען די געווערקשאַפטען איז געווען דער צענטער פון

מאַקס פיין

גאַנצען אידישען יוניאָן־לעבען און פון דער אידישער אַרבעטער באַוועגונג בכלל — און געהאַנדעלט האָט זיך דעמאָלט וועגען דעם אויפקום פון דער אַמאַלגאַמייטעד קלאָדהינג וואָרקערס — האָט שלעזינגער אַ רוף־געטאָן מאַקס פיינ'ען „מאַטראָז". ס'איז דערין ניט געווען קיין באַליידיגונג. דער אויסדרוק האָט געצילט צו באַצייכענען פיינ'ס אָרט אין דער אַרבעטער באַוועגונג. ער איז קיינמאָל ניט געווען איינגעזעצט אויף שטענדיג אין דער אָדער יענער יוניאָן. אפילו ווען ער איז ניט געווען אינם אַמט פון געווערקשאַפטען־סעקרעטאַר, האָט ער ווי אַ „מאַטראָז" אַרומגעוואַנדערט אין אַלע פאָרטען. אָנגעהויבען ביי די

ניפּענטס־מאַכער און געוואָרען גאָר אַ דרוקער, אַריין אין די כּל׳ערליי שניידער־לאָקאַלען און אַריבער צו טעאַטער־יוניאָנס, און ווידער אין די געווערקשאַפטען און ווידער אין אַ יוניאָן דאָ און דאָרטען. ער פלעגט זיך אַליין אָנרופען „כּל בו׳ניק״, דער אַרומוואַנדערענדער און שפּאַס־טרייבענדער מאַקס פּיין. האָט ער מיט זיין הומאָר אָפּגעענטפערט שלעזינגער׳ן:

— ערשטענס, וואָס בין איך שולדיג אַז איך בין געבוירען געוואָרען אין אַ מדינה, וואָס מען ווייסט קיינמאָל ניט ווער זי איז און וואו זי וועט אַהינקומען? זי איז רוסיש און ניט רוסיש, און זי איז פּויליש און ניט פּויליש, און ליטע איז זי אויך, און דייטשען האָט זי אויך אַ סך. צווייטענס, ווידער, אַ מאַטראָז איז ניט קיין פייגלינג, ער האָט קוראַזש, די ים־כוואַליעס שרעקען אים ניט. און ער איז אינטעליגענטער פון זיינע פּאַסאַזשירען, ער ווייסט וואָס עס טוט זיך אומעטום. און אַן ערלעכער מענטש איז ער; וואו ער קומט, דאָרטען ווערט זיין היים, און אין דערהיים איז מען נאַקעט, מען איז ערליך צו זיך.

די ווערטער קלינגען מיר נאָך איצטער. אפשר האָט ער אין דעם און יענעם זאַץ געברויכט אַן אַנדער וואָרט, אָבער דער תמצית איז אַ געטרייער. און דער עיקר — דאָס טאַקע איז געווען פּיינ׳ס ביטראַג צו דער אַרבעטער באַוועגונג. ער האָט ניט געטאָגט וואו גענעכטיגט; ער איז אַרומגעגאַנגען אין אַלע ווינקעלאַך פון דער אַרבעטער באַוועגונג, און אומעטום האָט ער געבראַכט גלויבען אַז אַ מער גערעכטער לעבען וועט נאָך קומען.

צומאָל פלעגט ער זאָגען וועגען זיך: „ווען איך בין געווען אַ גרינער, האָב איך געאַרבעט אין אַ קוילען־יאַרד; איך פלעג זיך דאָרטען אויסרייסען די קישקעס; אָבער איך האָב אַלע מאָל געטראַכט, אַז מענטשען דאַרפען דאָך דאָס האָבען, און אַז מענטשען דאַרפען עס, איז גאָר אַ מצווה צו זיין ביי דעם. נו, איצט טראָג איך אין די טענעמענט־הייזער יוניאָנס ווי איך פלעג אַמאָל דאָרטען טראָגען קוילען״.

מאַקס פּיינ׳ס שפּאַסיגע ווערטלאַך מיט אַן אומעטיג לירישען בייקלאַנג, כאַראַקטעריזירענדיג זיך אַליין, האָבען גע׳שמ׳ט.

נאָר אָט זיינען זיי ביידע, שלעזינגער און פּיין, זיך צונויפגעקומען אויף איין אָרט, וואו אַמעריקאַנער אידישער אַרבעטער־פירערשאַפט האָט זיך דערזען גאָר און גאָר עלענד.

געווען איז דאָס אין יאָר 1922 ביי דער קאַנווענשאַן פון דער אַמעריקען פעדערעישאַן אָוו לעיבאָר, אָפּגעהאַלטען אין סינסינעטי, ביי וועלכער שלעזינגער איז געוואָרען אויסגעקליבען צו זיין דער אַמעריקאַנער פאָרשטייער ביים בריטישען טרעיד יוניאָן קאָנגרעס, און מאַקס פּיין איז גערופען געוואָרען צו דער פּלאַטפאָרמע צו ריידען וועגען דעם אַרבעטער־כאַראַקטער אין די אידישע קוואַרטאַלען פון ניו יאָרק.

פאַר ביידען איז דאָס געווען אַ פּערזענליכע דערגרייכונג און אַן אויפקום פון דער אידישער אַרבעטער באַוועגונג. ס׳איז נאָך געווען פריש די גאָרניט

הימליכע צייט, וואָס די ערשטע וועלט־מלחמה האָט אונז דאָ איבערגעלאָזען. מ'האָט נאָך געקוקט אויף אונז אַז מיר זיינען „פרעמדע" און אַז אין דעם פּאַטריאָטיזם צו אַמעריקע שליסען מיר זיך ניט איין מיטן גאַנצען האַרצען. מער ווי איין טראַגישע איבערלעבונג האָט די אידישע אַרבעטער באַוועגונג דורך דעם געהאַט. שלעזינגער'ס ערוויילונג און פּיינ'ס אויפטרעטונג האָבען דאָס געדאַרפט פאַרענדיגען. ביי פּיינ'ען איז דאָס אויך געווען אַן אייגענע האַרץ־זאַך. ער האָט שוין געהאַט הינטער זיך העכער דרייסיג יאָר טעטיגקייטען אין דער אַרבעטער באַוועגונג, אָבער נאָר אין דעם אידישען טייל, און די נשמה האָט אים געצויגען צו זיין אין דעם אַמעריקאַנישען צענטער. אַ פערזענליכער געפיל? ניין, מער ווי דאָס. דערזעלבער געפיל איז געווען ביי אַלעמען אין דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג. מ'האָט געשטרעבט צו דער גרויסקייט פון אַמעריקע. און אָט איז געקומען דער מאָמענט. פּיין זיצט אויף דער פּלאַטפאָרמע זייט־ביי־זייט מיט סענאַטאָר ראָבערט לאַפאָלעט (דער אַלטער קעמפערישער „באָב" לאַפאָלעט); און באַלד וועט סעמועל גאָמפּערס פאָרשטעלען פּיינ'ען דעם סעקרעטאַר פון די אידישע געווערקשאַפטען, און דאַן לאַפאָלעט'ן, וועלכער איז געקומען מיט פאָרשלאגען ווי אַזוי צו ענדערען די אַמעריקאַנער קאָנסטיטוציע אין די אינטערעסען פון טרעיד־יוניאָניזם. און אָט רעדט שוין פּיין. זיין שטענדיג פרישרויטליכער פּנים איז אַביסעל אויסגעצויגען און בלייך. ער איז טיף ערענסט. ער קלערט־אויף. ער פאַרענדיגט און ווערט אַפּלאָדירט. ער האָט אויסגעהאַלטען אַן עקזאַמען פון עטליכע און דרייסיג יאָר. און אַ פּאָר טעג שפּעטער איז שלעזינגער ערוויילט געוואָרען ,און ווידער איז דאָ געווען אַ דורכגעמאַכטער עקזאַמען. זיינען זיי ביידע גליקלאך? ביידע זיינען זיי אומעטיג.

פּיין זאָגט: „איך האָב דערלעבט אַלץ, מער וויל איך גאָרניט, איז עפּעס פּוסטלאָך אויפן האַרצען". שלעזינגער זאָגט: „צו וואָס האָב איך עס באַדאַרפט? איך וועל זיין דער פאָרשטייער פון דער א. פ. אָוו ל. אין ענגלאַנד, אָבער איך וועל ניט זיין „איך", דער קלאָוקמאַכערשער אידישער סאָציאַליסט פון דער ניו־יאָרקער איסט־סאיד".

ביידע זיינען אַרויף צו דער הויכקייט פון אַמעריקע, און האָבען זיך דערשפּירט איינזאַם. איז פאַר מאַקס פּיינ'ען געוואָרען דאָס דער אָנשטויס צו חבר'שאַפט מיט דער דעמאָלט אויפקומענדער אַרבעטער באַוועגונג פון ארץ־ישראל. און ס'האָט זיך אָנגעהויבען זיין נייער לעבענס־קאַפּיטעל.

עטליכע אימפּרעסיעס האָב איך דאָ אויפגעשריבען, אַ פאָר מאָמענט־ערֿאינערונגען פון צוויי פּיאָנערען, טרוימער אין דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג; מער וועגען זיי און וועגען אַנדערע — אַן אַנדערש מאָל.

דער לעבעדיקער

אַן איינפאַל פון מלאך המות

(הומאָרעסקע)

צערייד איך זיך מיט אַן אַלטען אידען, אַ היימישען, פון די אידען וועלכע זיינען געבליבען גאַנץ אין אַמעריקע, מיט באָרד און נשמה, כאָטש זיי זיינען שוין דאָ זייער לאַנג. צערייד איך זיך מיט אים וועגען פאַרשיידענע זאַכען, צעוואַרעמט זיך מיין איד און רעדט מיר אויס זיינע טענות צו אַמעריקע.

— אַמעריקע, — מאַכט דער איד, — איז אַ גיהנום, ס׳איז אַ זינדיק לאַנד, אַ סדום! אָדער מען הרג׳עט זיך, אָדער מ׳הרג׳עט יענעם, נישט גוט! און נעמען נעמט זיך עס דערפון, ווייסט איר פון וואָס?

— פון וואָס? — פרעג איך.

— פון דעם, וואָס איר, אַמעריקאַנער, מיינט, אַז איר זייט זייער קלוג. אָבער אין אמת׳ן זייט איר נאַראָנים. אַמעריקע איז זייער אַ נאַרישע מדינה. פאָלגט מיך. אָט באַט אייך אַזאַ זאַך ווי געז. דוכט זיך, אַ קלוגע זאַך, עס לייכט, מען קאָכט דערויף, אָבער דאָך איז עס אַ שטיק טפשות. אייערע חכמים האָבען גע־קלערט און נישט דערקלערט. מילא, גוט, זאָל שוין זיין געז, אָבער פאַרוואָס, פרעג איך אייך, דאַרף עס שמעקען? פאַרוואָס מוז עס זיין געפערלאַך?

לאַך איך און זאָג:

— אָט האָט דער רבונו של עולם, להבדיל, אויך געמאַכט אַ זון — איז זי גוט, אָבער אויך אַמאָל געפערלעך... שטאַרבט מען נישט פון היץ אַמאָל, זיידע?

— וואָס פאַר אַ משל? — ווערט דער אַלטער כמעט אויפגעבראַכט. — ראשית, פאַסירט עס צו ווינציק. ס׳איז אַ יוצא מן הכלל . . . און, צווייטענס, טרעפט עס נישט, ווען אַ מענטש איז אויף דער וואַך, נו, קען מען זיך היטען. גייט מען נישט אויף דער זון, ווען ס׳באַקט! האָט איר געזען? אָבער אייער געז קען מען דאָך נישט איינהיטען, עס איז אַ סכנה אי בייטאָג, אי ביינאַכט. אַ מענטש פאַרגעסט צו פאַרדרייען די געז — און אָט האָט איר אייך, אַ פאַרטיקער טויט! . . .

— הייסט עס, זיידע, אַז איר זייט געגען געז? — שמייכעל איך.

— יאָ, — מאַכט ער, — איך בין געגען געז. ווען נישט געז, וואָלט ביי אייך אין אַמעריקע געווען מיט אַ סך מיתות משונות ווינציגער. איר פאַרשטייט?

געז איז דאָך אַזאַ גרינגע המצאה פון מלאך המות. געפעלט איינעם נישט דאָס לעבען — נעמט ער געז. אַ מאַן געפעלט נישט דאָס ווייב, — דרייט ער אָפּ די געז . . . פע! ס׳טויג נישט . . .

— אַז מענטשען ווילען זיך הרג׳ענען, קען מען נישט פאַרהיטען! — זאָג איך.

— מען קען יע! — שרייט אויס מיין אַלטער. — איך פרעג אייך, פאַרוואָס האָט מען ביי אונז אינדערהיים נישט געהערט פון אַזעלכע רציחות אויף זיך און אויף יענעם, האַ? איר פאַרשטייט, אינדערהיים איז אויך מענטשען אַמאָל געווען נישט גוט: פרנסה, אַן אשה רעה, קראַנקהייטען, און דאָך האָט מען געלעבט, פאַרוואָס? — ערשטענס, איז געווען אמונה . . . און צווייטענס, איז געווען זייער שווער אַנצוטאָן זיך אַ מיתה. פּרואווט אינדערהיים אַרונטערוואַרפען זיך פון אַ דאַך — טויג עס נישט! די הייזער זיינען נידעריק. די ערד צו ווייך . . . ס׳איז דען היגע שטיינערנע ערד?! ווען אַ מענטש זאָל זיך אַרונטערוואַרפען פון אַ דאַך אינדערהיים, פאַלט ער אַריין אין בלאָטע, פונקט ווי אַ פּערענע . . . אָבער ביי אייך אין אַמעריקע האָט מען אַלץ כמעט ווי צוגעגרייט פאַרן מלאך־המות: הויכע הייזער, אונטען שטיינער, אַרונטערגעוואָרפען זיך — און פאַרטיג, איינס און צוויי. און ווען מען וויל זיך שוין גאָר ביי אייך באַוואַרענען מיט אַ זיכערען טויט, גייט מען אַוועק גאָר אין אַ הויכען הויז און מען וואַרפט זיך פון דאָרטען אַרונטער . . . אָדער נעמט ביי אייך אַן אַנדער מיתה־משונה, קנאַפּ האָט איר דען זיי? אין אַמעריקע, אַז מען וויל, וואַרפט מען זיך אונטער רעלסן, אָדער מען שפּרינגט אַרונטער פון אַ בריק גלייך אין וואַסער אַריין. מען רעדט שוין נישט, אַז מען קען זיך לאָזען איבערפאָרען פון אַן אויטאָמאָביל . . . אָבער ביי אונז אינדערהיים האָט עס נישט געקענט פּאַסירען: קיין אויטאָמאָבילען זיינען נישט געווען, קיין בריקען אויך נישט, און אַ טייך אויך נישט קיין טיפער. מען האָט זיך קוים געקענט אין אים אָפּשווענקען. און זומער, אין די היצען, איז ער געווען טרוקען און ווינטער, אין די פרעסט, אויסגעפרוירען, און וואַרפען זיך אויף די רעלסען פון אַ צוג, האָט מען אויך נישט געקענט. אַ צוג איז געווען ווייט פון שטעטעל, מען האָט געדאַרפט פאָרען 20־25 מייל. נו, האָט מען געדאַרפט האָבען הוצאות הדרך, און סתם פאָרענדיג אַזוי ווייט האָט מען זיך געקענט באַדענקען, אַז ס׳איז אַ טפשות . . . און דערפאַר טאַקע האָבען ביי אונז אַזוי ווינציג מענטשען גענומען זיך אַליין דאָס לעבען. אָבער דאָ איז דאָך אַלץ אַזוי גרינג! יעדע מיתה משונה איז צוגעגרייט: דו גיי און קלייב נאָר אויס . . . איר פאַרשטייט מיך, צי ניין?

— איך פאַרשטיי אייך זייער גוט, — זאָג איך.

— איר פאַרשטייט און פונדעסטוועגן מיינט איר אויך, אַז קיין קליגערע מדינה, ווי אַמעריקע איז גאָר אויף דער וועלט נישטאָ. ניין, אַנטקעגען אונזער אַלטער וועלט טויג זי נישט. אָט נעמט די מעשה פון דעם מאַן, וואָס האָט דערמאָרד׳עט זיין פרוי, פון וועלכע די בלעטער שרייבען אַזוי פיל. נו, האָט איר אַזאַ זאַך געהערט אין דער היים, צווישען אידען? פאַרוואָס זשע קען עס געשען

אין אַמעריקע? — פשוט: ווייל מען איז דאָ קיין אידען נישט. אינדערהיים קען אַ איד נישט דער׳הרג׳ענען זיין ווייב ביינאַכט, ווייל איידער ער לייגט זיך שלאָפען, זאָגט ער דאָך קריאת שמע: „בידך אפקיד רוחי״ . . . היינט וואָס איז ער פאַר אַ באַלעבאָס אויף אַ פרעמדער נשמה? אָבער דאָ וואַרפט מען זיך אַריין אין בעט, ווי חזרים, ווער קריאת שמע, וואָס קריאת שמע? נו, ווערט מען מערדער! און דאָס זעלבע איז אינדערפרי. ווי קען אַ איד אינדערהיים הרג׳ענען דאָס ווייב אינדערפרי, אַז ער דאַרף גאָר אָפגיסען נעגעלוואַסער און לויפען צום ערשטען מנין צו עבודת הבורא? אָבער דאָ לויפט מען דאָך נאָר צו דער אַרבעט. קיין מורא פאַר גאָט, נאָר פאַרן באָס און שאָפּ. און דערפאַר שטיקט מען זיך דאָ אויס.

— ניין, ליבער פריינד, — האָט דער אַלטער איד פאַרענדיגט מיט נצחון, — ביי אייך אין אַמעריקע איז נישט גוט, זייער נישט גוט . . . אַ זינדיקע וועלט דאָ ביי אייך, זייער אַ זינדיקע! . . .

ב. י. ב.:

דער סוף פון די רשעים

(פון די אַלט־אידישע לעגענדעס)

1. נבוכדנצר׳ס סוף

אַ דער רשע נבוכדנצר איז געשטאָרבען, האָבען די מענטשען פון בבל ניט געוואוסט וועמען זיי זאָלען מאַכען פאַר מלך. אַזוי איז אויפגעשטאַנען נבוכדנצר׳ס זון, אויל מרודך, און האָט געוואָלט איבערנעמען די מלוכה.

האָבען די מענטשען פון בבל צו אים געזאָגט: דו, מרודך, הער זיך נאָר צו צו אונזערע רייד. אוודאי איז אמת, אַז די קרוין דאַרף געהערען צו דיר. אָבער דו ווייסט דאָך וואויל, אַז גאָט האָט איינמאָל שוין געשטראָפט דיין פאָטער און אים פאַרוואָרפען אין אַ חיה, און אים געמאַכט אומלויפען אין ווילדען וואַלד גאַנצע זיבען יאָר. אין אַ נאַרע איז ער געשלאָפען, און גראָז האָט ער געגעסען. מיר האָבען מורא, טאָמער איז ער היינט אויך אַזוי אַוועקגעלאָפען אין וואַלד אַריין. נייערט דו, וואָס דו באַגערסט צו ווערען מלך, זאָגסט אונז אַז ער איז טויט. וואָס וועט אָבער זיין, אַז ער וועט ווידער פאַר אונז זיך באַווייזען אַ לע־בעדיגער, און ער וועט, ווי ביים ערשטען מאָל, אונז ווידער שווער באַשטראָפען. ער וועט מיט זיין ברומיגען קול שרייען און זאָגען צו אונז: איר האָט זיך ניט געטאָרט איילען מיט אַ נייעם מלך, נאָר איר האָט מיך באַדאַרפט שטאַרק זוכען, און אַז איר וואָלט מיך געפינען, וואָלט איר מיך געדאַרפט האַלטען און היטען ביז צו דער צייט, ווען איך קריג צוריק מיין שכל.

אַז אויל מרודך, וואָס האָט זייער געוואָלט זיין מלך, האָט דערהערט די דאָזיגע רייד, האָט ער געזאָגט: איר רעדט זייער ריכטיג. אָבער איך זאָג אייך, איר באַדאַרפט קיין מורא ניט האָבען. דער פאָטער מיינער איז אַצינד טויט מיט אַן אמת. איר האָט דאָך געזען, ווי מיר האָבען אים באַגראָבען.

האָבען די מענטשען פון דער מדינה געענטפערט מיט מורא: יאָ, אמת, מיר האָבען געזען אַ טויטען מענטשען. מיר האָבען דעם מת פאַרשאָטען, אָבער מיר ווייסען ניט צי דאָס איז טאַקע געוועזען דיין פאָטער, און מיר שרעקען זיך פאַר אים. דו ווייסט דאָך וואויל, אַז ער האָט די גאַנצע וועלט געמאַכט ציטערען פאַר זיין קוק, און זיין קול האָט אַלעמען צו דער ערד געוואָרפען.

ווי אויל מרודך האָט געזען אַז ער קען די מענטשען פון בבל ניט איבער־ריידען, איז ער געלאָפען און האָט גענומען אייזערנע קייטען און געאיילט מיט

דעם צו זיין פאָטער׳ס קבר. און ער האָט זיין פאָטער אויסגעגראָבען פון דער ערד און אָנגעטאָן די קייטען אויף זיינע פיס; און האָט אים געשלעפּט איבער אַלע גאַסען פון דער שטאָט, און געשריען, און גערופען: זעט, אָט איז מיין פאָטער.

און דעמאָלט האָט איטלעכער באַשיינפּערליך שוין איינגעזען, אַז נבוכדנצר, דער מלך פון דער גאַנצער וועלט, איז טאַקע טויט.

האָט איטלעכער זיך געפרייט אין זיין האַרצען. וואָרים די גאַנצע צייט, וואָס נבוכדנצר האָט געלעבט, איז ניט געפונען געוואָרען קיין געלעכטער ביי די מענטשען. און אַז ער איז געשטאָרבען, האָט גערוט די גאַנצע וועלט. און אַלע האָבען געעפענט זייערע מיילער מיט געזאַנג. אפילו די ביימער האָבען געזונגען.

2. בלשאצר׳ם לעצטע סעודה

אַז גאָט האָט געוואָלט ברענגען אַ שטראָף אויף בבל פאַר אַלע אירע זינד, און פאַר אַלץ וואָס זי האָט געטאָן צו די אידען, האָט גאָט אויפגעשטעלט געגען איר צוויי מלכים פון צוויי מעכטיגע פעלקער — דריוש דעם מלך פון מדי און כורש דעם מלך פון פרס. האָט כורש זיך מתחתן געווען מיט דריוש׳ן און גענומען זיין טאָכטער פאַר אַ ווייב. האָבןביידע מלכים זיך צונויפגערעדט און זיך פאַר־בונדען אין איין בונד, און זיינען אַרויס געגען בלשאצר׳ן, דעם מלך פון די כשדים.

האָבען זיי אָנגעהויבען אַ גרויסע מלחמה, און די מלחמה האָט געדויערט אַ לאַנגע צייט. אין אָנהויב זיינען די כשדים געווען שטאַרק און עס זיינען געפאַלען פיל דערשלאָגענע פון די מחנות פון מדי און פרס.

האָבען די דאָזיגע צוויי מלכים זיך ווידער געשטאַרקט און עס האָט זיך אויפסניי צעפלאַקערט אַ גרויסע מלחמה צווישען זיי. זיינען געפאַלען סיי פון די און סיי פון יענע זייער פיל הרוגים. אַ סך בלוט איז פאַרגאָסען געוואָרען.

זיינען די מחנות פון בבל אַנטלאָפען, און די מחנות פון מדי און פרס האָבען זיי נאָכגעיאָגט ביז צו אַ טאָל, וואָס איז אַ טאָג גאַנג פון בבל. און ביידע מלכים דריוש און כורש, האָבען דאָרט פאַנאַנדערגעלייגט זייערע לאַגערען און זיך אָפּגערוט.

און עס איז געווען, אַז בלשאַצר האָט דאָס געזען, ער האָט צונויפגעזאַמעלט אַלע זיינע גבורים, און אויך טויזענד פירשטען פון קיניגלאכען הויף, און ער האָט זיי געשיקט צו שלאָגען דעם טאָפּעלטען שונא. זיינען זיי אַרויסגעגאַנגען פון בבל ווען ס׳איז נאָך געווען טאָג, און זיינען געגאַנגען אַ גאַנצע נאַכט. און אַז ס׳איז שוין געווען געגען מאָרגען, האָבען די פירשטען מיט די גבורים גענומען שלאָגען אין דער מחנה פון כורש און דריוש.

האָבען די קריגער פון מדי זיך דערשראָקען און האָבען אָנגעהויבען צו אַנטלויפען. אָבער כורש מיט די קריגער פון פרס האָבען זיך אַוועקגעשטעלט געגען די כשדים און זיי ניט געלאָזט מער נאָכיאָגען זיך נאָך מדי. און ס׳איז געווען,

אַז עס איז צוגעפֿאַלן די נאַכט, האָט זיך באַניַיט דאָס געשלעג, און עס זיַינען געפֿאַלן אָן אַ שיעור דער׳הרג׳עטע פֿון פּרס, און בלשאַצר׳ס גבורים האָבן זיי באַזיגט.

אַז די מחנה איז מיט פּאָנען פֿון נצחון צוריקגעקומען אַהיים, האָט בלשאַצר געמאַכט פֿאַר די גבורים אַ גרויסע סעודה, און ער האָט זיי ביַי דעם מאָלציַיט געגעבן מתנות, גאָלד און זילבער, און ער איז מיט זיי געזעסן און געטרונקען. זיַינען זיי פֿריילאַכע אַזוי אַוועקגעזעסן דעם גאַנצן טאָג און די גאַנצע נאַכט.

און אַז בלשאצר איז געוואָרן זייער לוסטיג פֿון דעם וויַין וואָס ער האָט געטרונקען, האָט ער געהייסן ברענגען די זילבערנע און גילדערנע כלים, וואָס נבוכדנצר האָט אַרויסגעטראָגען פֿון בית־המקדש, און בלשאצר האָט פֿאַרשוועכט די הייליקע כלים און האָט געטרונקען אין זיי — ער און אַלע זיַינען גבורים, און זיַינען הארען, און זיַינע קעפּסוויַיבער.

האָט גאָט געזען, און ער האָט זייער געצאָרענט. האָט ער געשיקט אַ מלאך אויפֿצושריַיבן אויף דער וואַנט פֿון בלשאצר׳ס פּאַלאַץ אַ שווערע און האַרבע געשריפֿטס, צו לאָזן וויסן דעם מלך די גזירה, וואָס ס׳איז אין הימעל נגזר געוואָרן אויף אים און אויף זיַין קיניגריַיך.

איז דער מלאך געקומען און האָט אויף דער וואַנט, אַנטקעגען דעם בלי־ציגען הענגלייכטער, געשריבען מיט רויט אויף דער וויַיסקייט פֿון דעם קאַלך. און אות נאָך אות איז אַרויס פֿון אונטער זיַינע פֿינגער, ביז עס זיַינען אויפֿגעשריבען געוואָרען פֿיר ווערטער. וואָס די ווערטער מיינען האָט בלשאצר ניט געוואוסט. די שפּראַך פֿון די ווערטער איז געווען אַראַמיש, אָבער די אותיות זיַינען געווען אויף לשון־קודש. דער קיניג האָט געזען ווי די פֿינגער שריַיבען, אָבער דאָס איבעריגע פֿון דער אימה׳דיגער האַנט האָט ער ניט געזען. די זעאונג איז געווען אַ שרעקלאַכע און דער מלך האָט געגומען ציטערען אין אַלע זיַינע איברים. זיַין האַרץ האָט גענומען שטאַרק קלאַפּען, און זיַין פּנים איז געוואָרען בלייַך, ווי ביַי אַ מת. די גבורים און האַרען, און בלשאצר׳ס פֿריילאַכע קעפּסוויַיבער האָבען אַלץ אַרום געזען. זיי האָבען געזען ווי דער מלך ווערט אַזוי פֿאַרענדערט. אָבער די אימה׳דיגע זעאונג אויף דער וואַנט האָבען זיי ניט געזען. האָט בלשאצר אַ פֿאַרציטערטער געקוקט און געקוקט צו די פֿינגער אויף דער וואַנט; און זיַינע אויגען זיַינען געווען צוגעשמידט צו די אותיות, וואָס האָבען אויפֿגעלויכטען איינס נאָכן אַנדערען.

האָט דער מלך אויסגערופֿען אין דער הויך, מען זאָל אַריַינברענגען די צויבערשפּרעכער און די שטערנזעער, זיי זאָלען פֿאַר אים איבערלייענען דאָס געשריפֿטס אויף דער וואַנט. אָבער די חכמים פֿון בבל האָבען דאָס געשריפֿטס ניט געקענט פֿאַרשטיין, און זיי האָבען דעם באַשייד פֿון דעם ניט געוואוסט.

דענסטמאָל האָט ער געשיקט נאָך דניאל׳ן, און דער מלך האָט געזאָגט צו אים: ביזסטו דאָס דער דניאל וואָס פֿון די גלות־קינדער פֿון יהודה, וואָס מיַין פֿאָטער, דער מלך, האָט אַהער געבראַכט? וואָרים איך האָב געהערט פֿון דיר,

אַז דער גייסט פון די געטער איז אין דיר, און ליכטיקייט, און פאַרשטאַנדיקייט, און אויסנאַמיגע חכמה געפינען זיך אין דיר. אַצינד, אויב דו קענסט איבער־לייענען דאָס געשריפטס, וועסטו ווערען אָנגעקליידעט אין פּופּור, מיט אַ גילדענער קייט אויף דיין האַלדז, און ווי דער דריטער אין דער מלוכה זאָלסטו געוועלטיגען.

האָט דניאל געזאָגט צו בלשאצר׳ן: דיינע מתנות זאָלען בלייבען ביי דיר, ווארים דאָס איז דאָך גזלה, וואָס דו האָסט גע׳גזל׳ט פון פרעמדע פעלקער. און אויב ניט דו — האָבען עס דיינע עלטערען גע׳גזל׳ט. ניט מיר זאָלסטו געבען אַזוינע מתנות, נאָר דאָס געשריפטס פון דער האַנט אויף דער וואַנט וועל איך דיר לייענען און געבען באַשייד.

האָט דניאל אויפגעהויבען זיינע אויגען צו דער אַנטקעגענדיגער וואַנט, און ער האָט געלייענט דאָס געשריפטס, פאַרטייטשט די ווערטער און געגעבען דעם פּתרון.

און דניאל האָט געזאָגט צום קעניג: דו האָסט געטאָן שלעכטס. דו האָסט זיך דערהויבען אַנטקעגען דעם האַר פון הימעל און האָסט פאַרשוועכט זיינע כלים. האָט גאָט אַראָפּגעשיקט אַ מלאך פון הימעל דיר צו ווייזען די גזירה, וואָס איז נגזר געוואָרען אויף דיר. און דאָס געשריפטס, וואָס איז געשריבען געוואָרען אויף דער וואַנט אַנטקעגען דיינע אויגען לייענט זיך אַזוי: מנה מנה תקל ופרסין.

דער טייטש פון דעם איז: געציילט, געציילט, געוואויגען און געציילט. און דער פּיתרון פון דעם איז אַזוי: מנה — גאָט געציילט די טעג פון דיין קעניגרייך און ער האָט זיי פאַרשניטען; תקל — ער האָט זיי געוואויגען אויף אַ וואָגשאָל און זיי זיינען געוועזען פעליג; ופרסין: דיין מלוכה ווערט צעשפּאָלטען און צע־טיילט, און ווערט אַוועקגעגעבען צו פרס און מדי.

אַז דער מלך און זיינע האַרען האָבען געהערט דעם דאָזיגען באַשייד, האָבען זיי זיך שטאַרק דערשראָקען, און די האַרען זיינען אויפגעשטאַנען און מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ געגאַנגען יעדער איינער צו זיך אַהיים. און דער מלך בלשאצר איז געבליבען אַליין מיט זיין הויזגעזינד און מיט זיינע לייב־היטער.

איז בלשאצר מיט ציטערדיקע קני אַוועק אין זיין שלאָפקאַמער. און ער האָט אָנגעזאָגט זיינע היטער: ווער עס וועט זיך ווייזען היינטיגע נאַכט פאַר מיין טיר, זאָלט איר אים אַראָפּהאַקען דעם קאָפּ אויב אפילו ער וועט זאָגען אויף זיך: „איך בין מלך”.

אינמיטען פון דער דאָזיגער נאַכט האָט דער מלך זיך אויפגעכאַפּט אין ווייטיגען און איז אַרויס אויף דרויסען. און די היטער האָבען ניט געזען, ווי דער קעניג איז אַרויסגעגאַנגען, אָבער אַז ער איז צוריקגעקומען האָבען זיי אים דערזען און געפרעגט: ווער ביזטו? האָט ער געזאָגט: איך בין דער מלך.

האָבען די היטערס זיך געטראַכט: מיר האָבען דאָך אַ באַפעל, אַז אויב אפילו עמיצער וועט זאָגען: „איך בין מלך”, זאָלען מיר אים אַראָפּהאַקען דעם קאָפּ. האָבען זיי אַזוי געטאָן, און אַראָפּגעהאַקט בלשאצר׳ן דעם קאָפּ.

איז צווישען די לייבהיטערס געווען אַן אַלטער הויפדינער, וועלכער האָט נאָך געדינט ביי נבוכדנצר׳ן. האָט ער זיך געטראַכט: דאָס איז דאָך דערזעל־ביגער דניאל, וואָס האָט אויך געגעבען באשייד צו נבוכדנצר׳ס חלומות, און אַלץ איז מקוים געוואָרען אַזוי ווי ער האָט פאָראויסגעזאָגט. און דער אַלטער דינער האָט גוט אַנגעקוקט דעם פנים פון דעם אַראָפּגעהאַקטען קאָפּ און האָט דער־קענט בלשאצר׳ן אין אים. און ער האָט געזאָגט אין זיין האַרצען: דאָ איז אויך מקוים געוואָרען וואָס דניאל האָט געזאָגט ביי דער סעודה.

האָט דער אַלטער דינער גענומען דעם קאָפּ, האָט זיך אַרויסגעגנב׳עט פון הויף, און אין גאַנצן אַוועק צו די מלכים כורש און דריוש. און ער האָט זיי דערציילט, וואָס בלשאצר האָט געטאָן צו די הייליקע כלים פון ירושלים, ווי אַזוי ער האָט זיי פאַרשוועכט, ווי גאָט האָט געשיקט אַ מלאך, און ווי עס האָט אויף דער וואַנט אין פּאַלאַץ זיך באַוויזען אַ געשריפטס, ווי דניאל האָט עס באַשיידט, און ווי בלשאַצר איז צולעצט געטויט געוואָרען נאָך זיין אייגענעם באַפעל, אין דער זעלביגער נאַכט, פון זיינע אייגענע לייבוועכטערס.

אַז כורש און דריוש האָבען געהערט וואָס ס׳איז זיך אַלץ פאַרלאָפען, האָבען זיי געקנייט און געזאָגט: געבענטשט איז דער האַר פון די הייליגע כלים פון ירושלים! און זיי האָבען זיך אַ נדר געטאָן אויפצובויען דעם בית־המקדש און אומצוקערען אַהין אַלע כלים.

נאָך די דאָזיגע געשעענישען האָבען ביידע מלכים אָנגעהויבען אַ נייע מלחמה געגען בבל מיט זייער אַ גרויסען חיל, און זיי האָבען פאַרוויסט דאָס גאַנצע לאַנד פון די כשדים. און זיי האָבען געטאָן צו בבל, וואָס בבל האָט געטאָן צו יהודה. און גאָט האָט נקמה גענומען פאַר דעם פאַרגאָסענעם בלוט פון די אידען, און פאַר זיין היכל, און פאַר זיין שטאָט, און פאַר זיין גאַנץ פאָלק.

נאָכדעם האָבען דריוש און כורש זיך צעטיילט צווישען זיך מיט דער מלוכה פון די כשדים. דריוש האָט זיך גענומען בבל און דעם קיניגלאכען פּאַלאַץ, און ער האָט זיך געזעצט אויף בלשאצר׳ס טראָן. און כורש האָט צוגענומען דאָס גאַנצע קיניגרייך, וואָס איז געלעגען צעשפּרייט אַרום בבל.

3. אנטיוכוס׳עס טויט

ווען אנטיוכוס הרשע — זאָלען זיינע ביינער צעריבען ווערען — האָט דער־הערט וועגען דער מפלה, וואָס זיין גענראַל ניקנור האָט געליטען ביי די טויערען פון ירושלים, איז ער אַריינגעפאַלען אין גרויס גרימצאָרען. און ער האָט גע־שוואָרען: איך אַליין וועל אויפגיין קיין יהודה און וועל מאַכען פון ירושלים אַ בית־עולם.

האָט ער זיך אַריינגעזעצט אין זיין רייטוואָגען און געהייסען יאָגען טאָג און נאַכט. און הינטער אים האָבען מיטגעיאָגט טויזענד רייטוועגען.

האָט ער געיאָגט און געיאָגט. אָבער גאָט׳ס צאָרען האָט אים נאָכגעיאָגט און אינמיטען וועג איז אנטיוכוס קראַנק געוואָרען אויף אַ חולאת, וואָס קיין רופא

האָט ניט געפונען קיין רפואה פאַר דעם. אנטיוכוס האָט געהאַט מורא׳דיגע ווייטיקען אין זיין אינגעווייט. אָבער אַלץ האָט דער רשע פון זיין ווילדען צאָרען ניט אָפּגעלאָזט, און זיין רייטוואָגען האָט געיאָגט און געיאָגט.

און דאָ האָט געטראָפען, אַז יאָגענדיג אַזוי, איז אנטיוכוס אַרויסגעפאַלען פון דעם רייטוואָגען אויף דער ערד.

און דער מענטש, וואָס האָט אין זיין גאווה געוואָלט גרייכען צו די הימלען; וואָס האָט געוואָלט שטעלען אַ צוים צו די כוואַליעס פון ים; וואָס האָט געוואָלט וועגען די הויכע בערג אויף דער וואָג פון זיין מאַכט — ער איז גאָר מיטאַמאָל געשליידערט געוואָרען צו דער ערד. זיינע האַרען האָבען אים געטראָגען אין אַ טראָגבעטעל און ער האָט געשריען פון ווייטיק. און אַלע האָבען אין דעם געזען גאָטע׳ס האַנט.

און זיין גוף האָט אים אָנגעהויבען פוילען לעבעדיקערהייט. און אַ שלעכטער ריח איז אויפגעגאַנגען פון זיינע גלידער און זיינע אייגענע מענטשען האָבען אים שוין מער ניט געקענט טראָגען.

דעמאָלט ערשט האָט די גאווה אין אים געפוּמען איינפאַלען, און זיין חוצפה איז געלאָשען געוואָרען. אנטיוכוס האָט חרטה געהאַט אויף זיין זינד און ער האָט איינגעזען, אַז אַ מענטש טאָר זיך ניט גלייכען צו גאָט און ער דאַרף זיך ליבערשט פירען מיט עניוות און מיט הכנעה. און ער האָט זיך געגעבען אַ נדר, אַז ער וועט שוין גוט זיין צו ירושלים, צו דער הייליקער שטאָט, וואָס ער האָט זי געוואָלט אומוואַרפען אין אַ בית־עולם. און די אידען, וועמען ער האָט געוואָלט צעשניידען און וואַרפען פאַר די רויבפויגעל, וועט ער שוין שטעלען גלייך ווי די גריכען פון אַטען; און דעם בית־המקדש, וואָס ער האָט געהייסען אויספּלינדערען, וועט ער אָנפילען פול מיט טייערע מתנות.

און ניט נאָר דאָס אַליין! אַנטיוכוס האָט זיך געגעבען אַ נדר, אַז ער אַליין וועט ווערען אַ איד און ער וועט אַדורכגיין דורך דער גאַנצער וועלט, וואָס ער האָט איינגענומען, צו גרייסען און צו רימען גאָט׳ס נאָמען.

אָבער זיין נדר און זיין תפילה האָבען אים ניט געהאָלפען. זיין גוף איז אים קליין און קלענער געוואָרען. גאָט׳ס משפט איז געקומען איבער אים.

און זעענדיג, אַז זיין ביטערער סוף איז שוין נאָענט, האָט אנטיוכוס געהייסען זיין שרייבער צו שרייבען אַ בריוו צו די אידען. און אין דעם בריוו האָט ער די אידען גע׳חנפ׳עט און ער האָט זיי אָנגערופען: „מיינע גוטע בירגער, מיינע ליבע ברידער״.

און דער רוצח און פאַרשווערער פון גאָט׳ס געבאָט איז פאַרלענדט געוואָרען. ער איז אויסגעגאַנגען אין גרויסע ווייטיקען. ער האָט געקרעכצט, ווי ער האָט אַנדערע געמאַכט צו קרעכצען, און ער האָט געליטען, ווי ער האָט אַנדערע געמאַכט צו ליידען. און ער איז געשטאָרבען אין אַ פרעמד לאַנד צווישען די וויסטע בערג פון מדבר.

ד. א.:

די שרעק פאַרן טויט

אַלע ווייסען דאָס און קיינער וויל פון דעם ניט וויסען.

און דאָס איז אפשר דאָס טראַגישעביים מענשען.

אַלע ווייסען, אַז מיר זיינען שטערבליך, נאָר קיינער וויל פון דעם ניט טראַכטען. כאָטש יעדער מענש טראָגט שוין אין זיך דעם טויט פון ערשטען טאָג פון זיין געבוירען.

אין די אַלטע, גוטע צייטען, ווען מענשען האָבען געגלויבט אין אַ גאָט און אין אַ יענער וועלט, האָט די רעליגיע ניט אויפגעהערט צו דערמאָנען דעם מענשען וועגען דעם.

„זכור את יום המות״ (געדענק דעם טאָג פון טויט), האָבען אונזערע אַלטע חכמים כסדר דערמאָנט דעם מענשען.

— „מאָמענטאָ מארי״, — האָבען די קאַטוילישע גלחים דאָס זעלבע איבערגעחזר׳ט.

די רעליגיעס האָבען ניט מורא געהאַט דאָס צו זאָגען דעם מענשען. ווייל זיי האָבען צוגעגרייט פאַר אים די טרייסט פון אַ לעבען נאָכן טויט, פון אַ יענער־וועלט. זיי האָבען ניט מורא געהאַט דאָס צו זאָגען דעם מענשען, לויפענדיג די געפאַר, אַז ווען דער מענש וועט קומען צו דער פאַרצווייפלונג וועט ער זיך באַפרייען פון אַלע מאָראַלישע פליכטען און וועט זען אַריינכאַפּען וואָס עס לאָזט זיך פאַר דער קורצער צייט.

פאַרקערט, מיט דעם האָבען זיי אים נאָך מאָראַליש פאַרפעסטיגט, ווייזענדיג אים זיין נישטיקייט, זיין קורצען פאַרברענגען אויף דער וועלט. צייגענדיג אים, אַז זיין גורל איז דער זעלבער ווי אַלעמענס. מיט דעם האָבען זיי אים איבערצייגט ער זאָל אַביסעל אַראָפּלאָזען פון זיין גאוה, פון זיין גיריקייט נאָך מאַכט, ער זאָל זיך פילען באַשיידען, ער זאָל ניט וועלען איינרייסען די וועלט, ער זאָל אַביסעל איינצוימען זיינע אַמביציעס און זיינע ווילדע אינסטיקטען.

היינט האָט דער מענש די טרייסט פאַרלאָרען. ער שטייט פאַר דעם טויט פול מיט שרעק כאָטש דער טויט לויערט אויף אים היינט צו טאָג מער ווי אַמאָל, און מיט פאַרמאַכטע אויגען יאָגט ער זיך מיט זיין מאַשין צו געפאַר אַנטקעגען ניט וועלענדיג טראַכטען פון דעם.

אָבער אַז עס קומט די טראַגעדיע, דאַן פאַרלירט דער מענש זיין גאַנצען מוט און די שרעק פאַרן טויט ברענגט אים אָפטער צו זעלבסטמאָרד.

פאַר דער פּראָבלעם שטייען איצט די דאָקטוירים, וועלכע האָבען צו טאָן מיט האָפנונגסלאָזע קראַנקע.

ווי מאַכט מען דעם מענשען לייכטער צו די געציילטע טעג? ווי געוואוינט מען אים צו צו דעם געדאַנק פון טויט?

ביי די אַמאָליגע מענשען איז נאָך אויסער דער טרייסט פון דער רעליגיע און אַ יענע־וועלט, געווען נאָך אַ טרייסט.

דער אַמאָליגער מענש איז זיין גאַנצען לעבען געזעסען אויף איין אָרט, ער האָט געוואוינט אין דער זעלבער הויז וואו זיין עלטער־זיידע האָט געוואוינט. דעם פּלאַץ פון זיין אויביגען רו האָט ער פון קינדוויי אָן געזען. יעדע פאַמיליע האָט געהאַט איר פאַמיליען־הויז אויפן אייביגען אָרט, וואו עס האָבען געשלאָפען די זיידעס און די עלטער־זיידעס.

אַזעלכע מענשען האָבען ניט מורא געהאַט פאַר דער פרעמדער ערד. די רייכע, ביי די קריסטען, האָבען זיך באַזאָרגט זייער אייביגע רו אין קעלער פון דעם אַלטען קלויסטער, וואו זיי האָבען פון קינדוויי אָן געבעטען. און זיי האָבען געהאַט די אילוזיע אַז זיי ווערען ניט פאַרניכטעט, אַז זיי גייען אין אַ שלאָפצימער וואו זיי וועלען האָבען אַ לאַנגען שלאָף.

די אַלטע עגיפטער האָבען עס נאָך בעסער געמאַכט. זיי האָבען אַלץ געטאָן דער טויטער זאָל ניט צעפאַלען אין שטויב. זיי האָבען אים באַלזאַמירט ער זאָל ניט פאַרלירען זיין געשטאַלט און האָבען אויסגעבויט זיכערע הייזער אין זייערע „טויטען שטעדט״, וואו דער מענש איז געלעגען ווי אין אַ שטילן שלאָפצימער. און זיי זיינען אין דער קונסט אַזוי וויט געגאַנגען, אַז מען געפינט איצט, נאָך פינף טויזענד יאָר שלאָף, זייערע קערפּערס ניט צעשטערט.

עס איז אָן צווייפעל אַן אילוזיע. אָבער אַזוי איז דער מענש. סוף כל סוף לעבט מען דאָך כסדר מיט אילוזיעס, דער עיקר איז צי די אילוזיע ברענגט דעם מענשען אַ טרייסט און אַ גייסטיגע באַרוהיגונג.

לאָמיר נעמען אַזאַ ביישפּיל: ווען מען וועט קומען צו אַן עלטערען, מידען קראַנקען מענשען, און מען וועט אים זאָגען אַז מען וועט אים געבען אַזאַ שלאָף־טרונק, וואָס וועט אים איינשלעפערען אויף טויזענד יאָר און ער וועט ליגען אין דעם זעלבען צימער, אין דער זעלבער בעט און קיינער וועט אים זיין רו ניט שטערען. פאַר דעם מענשן וואָלט דאָס געווען אַ גרויסע טרייסט און אַ באַ־רוהיגונג.

פאַר וואָס זאָל מען די אילוזיע ניט שאַפען פאַר דעם מענשען?

די מאָדערנע כעמיע און טעכניק האָט געגעבען אַ סך מעגלעכקייטען דעם מענשען צו שאַפען די אילוזיע. אויב עס זיינען ניטאָ קיין קלויסטער קעלערען מיט פאַמיליען־צימערען, קאָן מען עס אויסבויען און דאָס מאַכען לאַנג, לאַנג,

פאַראויס, ווען דער מענש איז נאָך געזונד און יונג. און זאָל ער באַזוכען די זיכערע הויז פון צעמענט אין אַ שיינעם געגענד און זאָל ער זיך צוגעוואוינען צום אָרט פון זיין אייביגער רו. ווי מען געוואוינט זיך צו צו אַ הויז, צו אַ שטאָט, און צו אַ געגענד. און זאָל ער פריי ווערען פון דער מורא פאַר דער נאַסער ערד, און פאַר דער צעשטערונג פון זיין קערפּער. אַזאַ ערציהונג צום טויט וואָלט ביים מענשען אָפּגעשאַפט, אָדער מילדער געמאַכט די דעפּרעסיע, די מורא מיט וועלכער ער לעבט.

מיר אידען האָבען, ליידער, געהאַט אַ צו רעאַליסטישע, אַ צו נאַקעטע באַציהונג צו דער דאָזיגער טראַגעדיע.

עס איז געווען דערפאַר, וואָס די אידישע רעליגיע, וועלכע האָט באַקעמפט געצענדינערײ, איבערהויפּט דעם עגיפּטישען געצענדינערישן קולט צו פאַר־געטערען די טויטע, האָט געזוכט צו באַקעמפען יעדע פאָרם פון פאַרהייליגען אַ טויטען. די אידען פון דער צייט פון תנ״ך האָבען אפילו דעם גלויבען אין אַ יענער־וועלט באַקעמפט.

„ניט די טויטע לויבען גאָט, ניט די, וואָס נידערען אַראָפּ אין דער שטיל־קייט״, זאָגט דער תהילים.

אָדער דער קראַנקער אין תהילים וואָס זאָגט צו גאָט:

— „וואָס וועסטו האָבען פון מיין טויט, אַז איך וועל אַראָפּנידערען אין גרוב צי קאָן דיר לויבען די ערד, צי קאָן זי דערציילען פון דיין אמת?״

אין אַן אַנדער אָרט זאָגט דער תהלים:

„דער מענש, אין זיין גאַנצער הערליכקייט, פאַרשטייט ניט, אַז ער איז געגליכען צו אַ בהמה״.

„ווער ווייס צי די נשמה פון מענשען גייט אַרויף אין הימעל און די בהמה גייט אין דער ערד? . . . ״

דאָס גלויבען אין אַ צווייטע וועלט און אין תחית המתים האָבען די אידען ערשט שפּעטער גענומען ביי די פּערסיער.

עס איז אמת, אַז דעם אידען פון יענער צייט איז געווען שווער אומצוגיין מיט אַזאַ באַוואוסטזיין און דאָס צוריקפאַלען צו געצענדינערײ איז ביי די אידען אין צייט פון ערשטען בית המקדש געווען זייער אַ אָפטע ערשיינונג.

עס זיינען דאָ רעליגיעס ,ווי די אינדישע, וועלכע באַטראַכטען די גאַנצע נאַטור אלס דעם מענשענ׳ס היים. עס איז אַ שטיק פאַנטעאיזם. זיי פאַרברענען זייערע טויטע און גיבען אים אָפּ די נאַטור־עלעמענטען ווי וואַסער און לופט. אָבער צו דעם מוז מען זיין טיף־גלויביגע.

דער מאָדערנער מענש פון דער גרויסער שטאָט שטייט פאַרן טויט ווי אין דער אורצייט דער ווילדער מענש, מיט אַ גרויסער מורא.

עס איז דערפאַר, ווייל אין תוך איז ער אַן אויסגעוואָרצעלטער וועזען, ניט ער האָט אַ שטענדיגע אייגענע היים ביים לעבען, און ניט ער קאָן זיין היים נאָך זיין

לעבען. קיין פֿאַנטעאיסט ווי די אינדיער איז ער ניט, ווייל ער קאָן די נאַטור ניט. קיין גלויביגער איז ער אויך ניט, גייט ער טאַקי אום מיטן געדאַנק פֿון טויט ווי מיט אַ שרעק קאָמפּלעקס.

און דאָ ווערען די סאַיקאָאַנאַליסטען גאָרניט העלפֿען. פֿאַר דעם שטאָטישען אומגלויביגען מענשען מוז מען מאַכען היימליך דעם טויט. ווי די עגיפּטער האָבען עס געטאָן. מען מוז צו אים צוגיין ווי צו אַ פּרימיטיווען מענשען. מען מוז אים דערנענטערען צו דער ערד, מען מוז אים צוגעוואוינען און מאַכען היימליך זיין אייביגע היים און בויען אים אַ זיכערען קעלער, ווי אַמאָל אין די אַלטע צייטען די היילען.

שליסליך איז אונזער גאַנצער פּלאַנעט אַ מין „פּולמאַן סליפּינג קאַר", וואָס טראָגט זיך צוזאַמען מיט דער זון אין דער אומבאַקאַנטער אומענדליכקייט טויזענ־דער מייל אין אַ סעקונדע, וואוהין זי לויפט ווייס מען ניט, וואוהין איז איר ציל ווייס מען אויך ניט, וואָס מיט איר וועט זיין און מיט דער גאַנצער זונען־סיסטעם ווייסען מיר אויך ניט. אַלץ וואָס דער מענש אין זיין אור־אינסטינקט וויל, איז אַן אָרט אין „סליפּינג קאַר" וואָס זאָל אים אויסזען אַזוי באַקוועם ווי די בעט אין זיין היים, און נאָר מיט דער אילוזיע האָט מען געקאָנט אָפּטעמפּען ביים מענשען די שאַרפֿע שרעק פֿאַרן טויט און געבען אים די אילוזיע פֿון אַ לאַנגען, לאַנגען, רוהיגען שלאָף.

י. האַרט:

ליכטיקע געשטאַלטן

פּראָפעסאָר מאיר באַלאַבאַן

אויף די וואַרשעווער גאַסען האָט מען אים געזען גיין מיט שנעלע טריט, ווי ער וואָלט מורא געהאַט עפּעס צו פאַרשפּעטיגען. אין דעם מאַסיווען ביד־ריגען גוף פון דעם עלטערען מענשען האָט געשפּרודעלט אַ ים ענער־גיע און ער האָט זיך באַמיט אַז די ענערגיע זיינע זאָל נישט גיין לאיבוד. ער האָט זי פאַרטיילט אויף פאַ־שיידענע געביטען, וואָס זיינען אין תוך געווען איין געביט: ער איז געווען דירעקטאָר פון בית־מדרש לרבנים תחכמוני, דאָצענט פאַר אידישע געשיכטע אין וואַרשעווער אוניווערזיטעט, געטאָן פאָר־שערישע אַרבעטען, און אַ סך געשריבען — פאַר וויסענשאַפטלעכע זשורנאַ־לען, ענציקלאָפּעדיעס, טאָג־צייטונגען און פאַרפאַסט ביכער.

זיין ספּעציאַליטעט איז געווען דאָס אַמאָליגע אידישע לעבען אין פּוילען. ער האָט איבערגעלאָזט אַ ריי וויכטיגע אַרבעטען וועגען די אידען אין לעמ־בערג, קראָקע און לובלין מיט הונדערטער יאָרען צוריק. ער האָט באַשריבען און באַלויכטען די אידישע אויטאָנאָמע אינסטיטוציעס, די קהלות, אין אַלטען פּוילען און געטאָן אַנדערע ווערטפולע היסטאָרישע אַרבעטען.

איילענדיג איבער די וואַרשעווער גאַסען, האָט ער מיט אַ שמייכעל באַ־גריסט פיל פון זיינע באַקאַנטע. און האָט זיך עמעצער אָפּגעשטעלט צו זאָגען אים אַ גוט וואָרט, האָט ער יענעם שוין נישט אָפּגעלאָזט, נאָר מיטגענומען מיט זיך. און אויפן וועג איז ער באַלד מיט אים פאַרפאָרען אין דער ווייטער פאַרגאַנגענהייט, איז מיט אים אַריין אין אַ באַפעסטיגטער שוהל ערגעץ־וואו אין וואָלין און רייסען, אָדער אין בית־דין־שטוב פון אַ רב אַ גאון, אין הויז פון אַ פּרנס חודש, אויף אַ סעסיע פון אַ וועד־הקהלות מיט עטלעכע יאָר־הונדערט פריער. דאָס איז געווען זיין אינטימע וועלט. ער האָט געוואוסט די מחשבות און מעשים פון יענע מענשען.

אויף דער קאָכיקער גענשא גאַס, אין צענטער פון מאַנופאַקטור־האַנדעל איז פון אַ הויף, וואָס עס האָט פאַרנומען „תחכמוני״ — דער סעמינאַר פאַר ראַבינער און רעליגיע־לערער — אַרויסגעלאָפען דער דירעקטאָר באַלאַבאַן

און איינגעטענה'ט מיט איינעם פון זיינע תלמידים. אין סוה־דישען הו־הא האָט ער פאַר זיין יונגען צוהערער געמאָלען פּאַטריאַרכאַלע בילדער פון ווייטען אַמאָל. מיט זיין שטענדיגען אָפּטימיזם האָט ער אַ פּלי געטאָן צוריק מיט הונדערטער יאָרען, און פון דאָרטען געשעפּט בטחון פאַר'ן היינט און מאָרגען.

פּראָפעסאָר מאיר באַלאַבאַן

עס איז אים אָבער נישט באַשערט געווען זיין אָפּטימיזם איינצוהאַלטען ביז'ן סוף פון זיין לעבען.

היטלער'ס חיילות האָבען פאַרנומען וואַרשע. און מיט'ן חוש פון אַ היס־טאָריקער האָט ער באַלד דערפילט וואָס עס קומט אויף דער אידישער עדה. אים, דעם מונטערען אָפּטימיסט, באַפאַלט אַ טיפער פּעסימיזם. ער פּרוּווט זיך נאָך פאַרגעסען אין היסטאָרישע אַרבעטען. פאַרנעמט נייע אַמטען. ער ווערט לייטער פון קהלה־אַרכיוו. דער וואַרשעווער אידענראַט באַשטימט אים פאַר ראַבינער. דער פריערדיגער ראַבינער, דער אַלטער געלערענטער פּראָ־פעסאָר משה שאָר, איז אין לעמבערג אַרעסטירט געוואָרען דורך דער סאָ־

וויעטען־מאַכט און איז פאַרשלעפּט געוואָרען קיין אוזבעקיסטאַן, וואו ער איז געשטאָרבען אין אַן אַרבעטס־לאַגער פאַר אַרעסטאַנטען. דער אידענראַט האָט באַשטימט, אַז פּראָפעסאָר באַלאַבאַן זאָל פאַרנעמען דאָס ליידיק־געוואָרענע אָרט. דאָס איז שוין געווען ערב דעם אומקום פון וואַרשעווער אידישען קיבוץ.

באַלאַבאַן אַליין האָט פּערזענלעך געהאַט איינציגע שווערע איבערלעבונ־גען אין דער צייט פון געטאָ. איינמאָל האָבען די דייטשען געמאַכט אַ חוזק־פילם פון וואַרשעווער געטאָ־לעבען. מ׳האָט אַראַנזשירט אַ לוויה, ביי וועלכער דער חזן פון דער טלאָמאַצקער סינאַגאָגע שערמאַן מיט׳ן כאָר האָט געמוזט זינגען און דער ראַבינער באַלאַבאַן האָט געמוזט זאָגען קאַפּיטלעך תהילים.

פאַר׳ענדיגט איז זיין לעבען געוואָרען אין געטאָ, סוף 1942. און געשען איז דאָס אַט אויף אַזאַ אופן: אַ נאַצישער „וויסענשאַפטסמאַן״ האָט אַרויסגע־פאָדערט צו זיך דעם 65־יאָריגען אידישען געלערענטען און פון אים פאַר־לאַנגט תיכף צוצושטעלען מאַטעריאַלען פאַר אידען־פּרעסערישע רעפעראַטען. נאָכ׳ן צוריקקומען פון דעם וויזיט האָט באַלאַבאַן באַקומען אַ האַרץ־שלאַג און אויסגעהויכט זיין אָטעם.

שמואל לעהמאַן

אַ דאַרער, דאָס פּנים — הויט און ביינער. פון הונגער איז דאָס געקומען. כאָטש ער איז פרי געבליבען אַ יתום, האָט ער דאָך אין דער קינדהייט און יוגענד קיין נויט נישט געליטען, ווייל אַ רייכער פעטער, אַ איד אַ חסיד, האָט אים גענומען צו זיך און פאַר אים געזאָרגט. שמואל לעהמאַן אַליין איז אַריין אין דער וועלט פון מסחר. אין די רייפערע יוגענד־יאָרען האָט אָבער לעהמאַן פאַרקירעוועט אויף אַנדערע וועגען.

ער איז געוואָרען אַ בונדיסט און — אַ זאַמלער פון פאָלקלאָר. און אַזוי איז ער געבליבען ביז די לעצטע טעג פון זיין לעבען אין וואַרשעווער געטאָ.

פון זיין בונדישער אַקטיווער טעטיגקייט דאַרף מען אים דערמאָנען אַלס אַ גרינדער פון באַרימטען גראָסער־קלוב און פון דער גראָסער־ביבליאָטעק, וואָס איז שפּעטער געוואָרען די גרעסטע אידישע ביבליאָטעק אין וואַרשע.

מיט לייב און לעבען איז ער געווען אַריינגעטאָן אין זאַמלען פאָלקלאָר. מיט דער זאַך האָט ער זיך שוין אָנגעהויבען אינטערעסירען אין יאָר 1902, ווען ער איז געווען סך־הכל אַ אינגעל פון 16 יאָר. מיט 8 יאָר שפּעטער מאַכט ער אַ רייזע אין לאַנד און באַזוכט איבער 50 שטעט און שטעטלעך. ער קומט צוריק קיין וואַרשע מיט אוצרות פאָלקס־לידער, מעשיות ווערטלעך, שפּאַסען, ניגונים א. ד. ג.

ער פאַרנאַכלעסיגט זיין אַרבעט לשם פּרנסה און ווערט אין גאַנצען פאַרטאָן אין דער אַרבעט לשמה. אַ טייל פון זיינע זאַמלונגען זיינען פאַרעפענט־

לעכט געוואָרען אין באַזונדערע ביכער אָדער אין פאָלקלאָריסטישע זאַמעל־ביכער. דאָס איז אָבער געווען אַ זייער קנאַפער חלק פון לעהמאַנ׳ס זאַמ־לונגען.

ביז דעם אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט דער אומדער־

שמואל לעהמאַן

מידלעכער פאָלקלאָר־זאַמלער געהאַט אין זיין רשות איבער הונדערט בענ־דער פון פאַרשיידענע פאָלקס־שאַפונגען. מיט זיי איז געווען פול זיין אָרעמע דירה. און איז שוין דאָרט מער קיין פלאַץ נישט געווען, האָט ער קאַסטענס מיט פאַרשיידענע העפטען געהאַלטען אין קעלער און אויפן בוידעם און אין דער ספּיזשאַרניע (די שפּייז־קאַמער אין דרויסען ביי דער טיר), וואָרים קיין שפּייז אין דער „ספּיזשאַרניע״ האָט ער נישט געהאַט צו האַלטען. און רייכע מעצענאַטען, וואָס זאָלען אים מעגלעך מאַכען די אוצרות צו פאַרעפענטלעכען זיינען נישט געקומען....

דאָס האָט אָבער לעהמאַנען נישט אַנטמוטיגט און אָפּגעשטעלט. פון

דער פּרי ביז שפּעט ביינאַכט איז ער נישט מיד געוואָרען אַרומצוגיין אין שטאָט און זאַמלען און פאַרשרייבען. איר האָט אים געקאָנט טרעפען אין אַ ווינקעל פון אַן אַריינגאַנגס־טויער שמועסען מיט עמעצען. דאָס האָט אים שמואל לעהמאַן „פאַרנאַרט", כדי פון שמועס מיט אים אַרויסצוכאַפּען דאָס, וואָס ער דאַרף. איר האָט אים געטראָפען אין פאַרשיידענע עפּענטלעכע לאָקאַלען, קלובען, פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, שולען א. א. וו. ער איז אַפילו געגאַנגען אין די נעסטען פון דער אונטערוועלט, אין די שענקען, „הייזלעך" און פלעצער. ער האָט געקאָנט „פאַרוואַרפען אַ ווענדקע" אַרום אַ חדר־אינגעל און אַ זקן אַ למדן, אַרום אַ מאָדערנער יונגער פריילין און אַן אַלט־פרענקישער באָבע אין אַ „קופּקע". ביי יעדען האָט ער געזוכט און גענישטערט, און געפונען עפּעס אייגענאַרטיגס. אָט דערציילט ער אייך אַ מעשה, סתם אַזוי זיך, דאָס איז אָבער בלויז געווען אַ שליסעל צו אייער פאַרשלאָסענעם אוצר. אָט הויבט ער אָן צו ברומען אַ ניגון, כדי פון אייך אַרויסצוכשופ'ען פאַרגעסענע ניגונים.

ווען ער איז געשטאַנען מיט אייך, איז זיין נאָז מיט אַ לאַנגען שפּיץ געוואָרען נאָך שאַרפער, ווי ער וואָלט מיט איר עפּעס געוואָלט אויפכאַפּען. די אויגען האָבען באַקומען אַ פריילעך גלאַנצעל, ווי זיי וואָלטען געוואָלט עפּעס אַרויסכישופ'ען פון מיטשמועסער. שעה'ען פלעגט ער זיך אַרומדרייען אויף די מאַרק־פלעצער כדי אויפצונעמען די זאַפטיגע ווערטלעך און קללות פון די „פשעקופּקעס" (גאַסען־פאַרקויפערינס). אַרומדרייענדיק זיך גאַנצע טעג און נעכט מיט אַ הונגעריגען מאָגען, פלעגט ער אָבער אַהיימקומען מלא שמחה, ווען ער האָט באַוויזען מיט עפּעס צו באַרייכערען זיינע פאָלקלאָר־זאַמלונגען, צו ברענגען נאָך אַ נוסח צו די אָן אַ שיעור נוסחאות פון די פאָלקס־לידער, מעשיות און שפּילען. אַנדערע פלעגען אַהיימקומען אין די נעכט זייערע חשבונות חשבונ'ען און ציילען זייערע געלטער. שמואל לעהמאַן איז אַהיימגעקומען נאָכאַמאָל איבערצוקוקען און איבערצושאַצען די פּערעל, וואָס ער האָט אַרויסגעכאַפּט פון פאָלקס־מויל.

ע'יז געקומען די צווייטע וועלט־מלחמה. אַ נייע בלאַט האָט זיך געעפענט. נייע לידער, ווערטלעך, מעשיות האָט די פאָלקס־פאַנטאַזיע גענומען שפּינען. דער אומדערמידלעכער שמואל לעהמאַן איז געשטאַנען גרייט מיט זיינע בלייטשטיפטען און העפטען תיכף צו פאַרצייכענען דאָס אַלץ, וואָס האָט אַ פלייץ געטאָן פון פאָלקס שאַפונגס־קוואַלען. ס'איז אים שוין נישט געווען באַשערט. אין 1940 האָט זיין שטענדיקער באַגלייטער — דער הונגער, און איצט נאָך מער פאַרשאַרפט, צוגערויבט ביי אים דאָס לעצטע ביסעל כוחות און אים אַוועקגעלייגט אויפ'ן טויטען־בעט.

יאַנקעלע מענדעלסאָן

וואָסערע ליכטיגקייטען עס האָבען געלויכטען אין די פינסטערע ווינ־קעלעך פון די וואַרשעווער הייף, וואָס פאַר אַ מאָראַלישע לויטערקייט עס האָט זיך געפונען אין זומפּ פון אידישען דלות — זאָגט עדות די געשטאַלט פון יאַנקעלע מענדעלסאָן.

אַ יונגער שניידער־אַרבעטער. די מאַמע פרי געשטאָרבען. דער טאַטע, דער שניידער־אַרבעטער, האָט נישט געקענט האָבען קיין השגחה איבער'ן קינד, דעם יתום. איז יאַנקעלע, מיט פאַרקרומטע פּלייצעס, דערצויגען גע־וואָרען אַליין אויף די הייף און גאַסען און געוואָרען אַ פאַרוואָרלאָזט הפקר גאַסען־אינגעל. אָבער ביים ראַנד פון אָפּגרונט, האָט אַן אינערלעכע שטים גערופען אים צו גיין אויף אַן אַנדערען וועג. ער קומט אין יוגענד־בונד „צוקונפט" — אין דער גרויסער בונדישער יוגענד־באַוועגונג — און ווערט גיך איינער פון די פּאָפּולערסטע טוער.

זיין געטריישאַפט פאַר דער סאָציאַליסטישער זאַך איז געווען אין לשער. ער איז שטענדיק געווען גרייט צו גיין אין די גרעסטע געפאַרען, ווען דאָס איז נויטיג געווען. אין די שווערסטע סיטואַציעס האָט ער זיך נישט פאַר־לוירען. די ערגסטע צרות איז ער בייגעקומען מיט אַ שמייכעל.

יאַנקעלע מענדעלסאָן איז געווען אַ טיפּיש פאָלקס־קינד. זיין שפּראַך איז געווען אַן אוצר פון פאָלקס־ווערטלעך און אידיאָמאַטישע אויסדרוקען. אַפילו גוטע קענער פון דער וואַרשעווער פאָלקס־שפּראַך פלעגען זיך חידוש'ן, ווען זיי האָבען אים געהערט רעדען. פונוואַנען עס האָט זיך צו דעם אינגעל גענומען אַזוי פיל שפּראַך־עשירות און בילדערישקייט איז געווען שווער צו פאַרשטיין. יעדע פאַר טעג האָט פון אים אַרויסגעזונגען אַ ניי עכט פאָלקס־לידעל און אַרויסגעקלונגען אַ פרישער געזונטער פאָלקס־וויץ.

אַ שטימע האָט ער פאַרמאָגט אַ טיפע און שטאַרקע. ווען ער איז גע־שטאַנען פאַר אַן עולם יוגענדלעכע און גערעדט, איז אַ הייטערקייט געווען אין זאַל. צי מ'האָט מיט אים מסכים געווען אָדער נישט — ליב האָט מען אים געהאַט צו הערען. עס דערמאָנט זיך אַ פאַרזאַמלונג פון עטלעכע צענדליק גאַסען־אינגלעך אויף קראָכמאַלנע גאַס, אין האַרץ פון די אָרעמע האָראָ־פּאַשנע אידען. דער יוגענד־בונד האָט געוואָלט די אָפּגעשטאַנענע יוגענד פון יענער געגענט אַרויספירען אויפן דרך הישר. צו אַ ספּעציעלער פאַרזאַמ־לונג זיינען געשיקט געוואָרען צוויי רעדנער — אינזשיניר אַבראַשאַ בלום (שפּעטער איינער פון די הויפּט־פירער פון אונטערערדישען „בונד") און יאַנקעלע מענדעלסאָן. אינזשיניר בלום האָט וועגען די שווערסטע וויסענשאַפט־לעכע ענינים געקענט רעדען צו אַן עולם פאַרשטענדלעך און איבערציי־גענדיק. געהאַנדעלט האָט זיך, אַז אָט די גאַסען־אינגלעך זאָלען אָנהויבען גיין אויף אָווענד־קורסען. אָבער וויפיל אינזשיניר בלום האָט נישט באַוויזען שוואַרץ אויף ווייס, ווי גוט עס וואָלט פאַר זיי געווען, ווען די פאַרזאַמעלטע אינגלעך

קענען לייענען און שרייבען, האָט עס קיין איינעם פון זיי נישט איבערצייגט. זיי זייגען געבליבען קאַלט ווי אייז. האָט זיך אַוועקגעשטעלט יאַנקעלע מענדעלסאָן און מיט אַן איראָנישען שמייכעל אָפּגעמאָסטען דעם אינזשיניר בלום: אַן איגטעליגענט איז פאָרט אַ בטלן.

דער יונגער שניידער־אַרבעטער האָט מיט זיין טיפער שטים גענומען

יאַנקעלע מענדעלסאָן

וואַרפען שטעכיגע פיילען אין די פאַרפאַנצערטע הערצער פון די קראָכמאַלנער גאַסען־איגגלעך. מיט קאָנקרעטע לעבעדיגע ביישפילען האָט ער זיי באַוויזען וואָסערע טויגעניכטסען זיי וועלען זיין, אויב זיי וועלען זיך נישט בילדען. און לסוף איז ער אַרויס מיט׳ן גרעסטען האַרמאַט: — דו און דו — האָט ער געטייטעלט מיטן פינגער — וועסט דאָך היי יאָר און איבעראַיאָר דאַרפען גיין אין מיליטער אַריין. דאָס מיידעל דיינס וועסטו דאָך מיט זיך נישט מיטנעמען. וועסטו דאָך איר דאַרפען אַ בריוועל שרייבען. וועט אַן אַנדערער זעלנער, אַן עלטערער, פאַר דיר שרייבען דאָס בריוועל. און ער וועט אַריינשרייבען וואָס ער וועט וועלען. און פריער פון דיר וועט ער אַהיימפאָרען. ווען דו וועסט שוין זיין אַן אויסגעדינטער און אַהיימקומען, וועט דיין מיידעל שוין זיין זיינע און דיר וועט זי זינגען: „מיר זעמיר געזעגענט״ . . .

באַלד האָט פון אָרט זיך געהערט אַ שטים: — איך פאַרשרייב זיך, און איך, און איך. און אַלע פאַרזאַמעלטע האָבען זיך אויסגעשטעלט אין אַ ריי צו פאַרשרייבען זיך אויף די קורסען.

עס וואָלט פאַרנומען צו פיל פּלאַץ אויסצורעכענען פאַרשיידענע פאַקטען פון מענדעלסאָנ׳ס אָפּפערווילליגקייט. אַ פּאָר בלויז וועל איך דערמאָנען: ווען

די בונדישע יוגענד־צייטונג „יוגענד־וועקער” איז אָפט קאָנפיסקירט געוואָרען און מ׳האָט געדאַרפט בייטען די פאַראַנטוואָרטלעכע רעדאַקטאָרען, וועלכע האָבען געהאַט אויף זיך פּראָצעסען, האָט ער גערן אָנגענומען אַזאַ אַמט, און האָט דערפאַר באַצאָלט מיט 17 חדשים טורמע. אין סעפּטעמבער 1939, ווען וואַרשע איז שוין געווען אַרומגערינגעלט דורך היטלערס אַרמייען און איז באַשאָטען געוואָרען מיט אַ האָגעל קוילען, האָט ער טעכניש אָרגאַניזירט דאָס אַרויסגעבען אַ נומער פון דער צייטונג „יוגענד־וועקער”, וואָס האָט גערופען צום ווידערשטאַנד און פאַרטיידיקונג. ער איז געווען איינער פון די ערשטע, וועלכע האָבען זיך אַוועקגעלאָזט איבערען לאַנד מיט פעקלעך אויפרופען פון אונטערערדישען „בונד” אין דער צייט פון דער נאַצישער אָקופּאַציע. אויף זיינע איינגעהויקערטע פּלייצעס האָט ער געטראָגען אַ זעקעל קאַרטאָפעל און פון הינטען זיינען געלעגען די אויפרופען. אַזוי האָט ער געשפּאַנט פון שטעטעל צו שטעטעל. ביז איינמאָל האָבען אים דייטשע זשאַנדאַרמען געכאַפּט און אים אַזוי צעשלאָגען, אַז ער האָט אָנגעהויבען שפּייען מיט בלוט.

זומער 1942 איז ער מיט אַלע וואַרשעווער אידען אַוועק אין די גאַזאויוונס פון טרעבלינקע. דריי מעת־לעת האָט ער זיך נאָך געראַנגעלט אויפן וואַרשעווער אומשלאַג־פּלאַץ, זיך פאַרשטעקט אין פאַרשיידענע באַהעלטענישען און איז נישט אַריין אין די וואַגאָנעס, וואָס האָבען געפירט צום טויט. זיין חכמה, אָפּטימיזם און איינפאַלען האָבען פאַר אים געראַטעוועט נאָך דריי טעג לעבען, אָבער לסוף איז אויך דאָס דאָזיגע עכטע פאָלקס־קינד געפאַלען אַ קרבן.

* * *

דריי פאַרשיידענאַרטיגע געשטאַלטען, אָבער געקניפּט און געבונדען זיינען זיי געווען, ווייל אַלע זיינען געווען פעדימלעך פון גרויסען פיל־פאַרביגען געוועב, וואָס האָט געהייסען — דאָס פוילישע אידענטום.

מ. איווענסקי:

לודוויג בערנע

פון דער סעריע,
ווי גרויסע מענטשן שטאַרבן

לודוויג בערנע

איף איינער פון די גאַסען פון דער שיינער, אָבער רוישענדער פּאַריז, אין דעם גאַסט־פריינדליכען הויז פון דאָקטאָר שטראוס וואהל, אין אַ צימער באַהאַנגען מיט שווערע קוירטענס, האָט זיך אין יאָר 1837, מיט אַן ערך פון הונדערט און צוועלף יאָר, געקייקעלט אין שווערע יסורים אַן אויסגעדאַרט פאַר־מוטשעט מענשעל, הויט און ביינער. דער מענש, וואָס האָט אַזוי שרעקלאך געליטען, איז געווען דער גרויסער סאַטיריקער און פרייהייטס־קעמפער לודוויג בערנע, אָדער, ווי ער האָט געהייסען אין אידיש, יהודה ליב ברוך.

דער חולה איז געווען אין די לעצטע שטופען פון שווינדזוכט, וואָס האָט אים געמאַטערט זיין גאַנצען לעבען. לודוויג בערנע האָט אָפּגעלייקענט דעם אַלטען לאַטיינישען שפּריכוואָרט וואָס לויטעט, אַז אַ געזונטער גייסט געפינט זיך אין אַ געזונטען קערפּער — „מענס סאַנאַ אין קאָרפּאָרע סאַנאָ”. כל ימיו איז בערנע געווען שווינדזיכטיג, אָבער זיין געזונטער גייסט איז ביי אים געבליבן ביז „יציאת הנפש”; ביז זיין לעצטען אָטעמצוג האָט בערנע׳ן ניט פאַרלאָזען זיין וויץ און זיין סאַטירע. בערנע האָט געלעבט ווי אַ העלד און געשטאָרבען ווי אַ העלד — כאָטש דעם צוועק פאַר וועלכען ער האָט געקעמפּט האָט ער קיינמאָל ניט דערגרייכט.

לעבען זיין בעטעל האָט זיך געפונען זיין טרייער דינער קאָנראַד און זיין איבערגעבענע פריינדין מאַדאַם וואהל. היינע, דער אַמאָליגער איבערגעבענער פריינד פון בערנע׳ן און שפּעטערדיגער געגנער, האָט אינסינואירט, געגעבען קאַפּוליער אָנצוהערעניש, אַז מאַדאַם וואהל איז געווען בערנע׳ס געליבטע. עס

קען זיין. עס וועט גאָרניט געמינערט ווערען פון איר כבוד אויב די מעשה איז אמת. אומשטערבליך איז זי געבליבען יעדענפאַלס צוליב בערנע'ן. די רכילות לייגט זיך אָבער ניט אויפן שכל. מאַדאַם וואהל איז געווען אַ שיינע פרוי און בערנע אַ קרענקלאַכער מאַן זיין גאַנצען לעבען. גיכער איז דאָס געווען אַ פּלאַ־טאָנישע פריינטשאַפט, אַ הימלישע — גיכער ווי אַן ערדישע. אָבער ווי די מעשה זאָל ניט זיין, איז מאַדאַם וואהל געווען צו בערנע'ן ווי אַ גוטע מאַמע צו אַ בן־יחיד. אויך זיין דינער איז געווען אויסערגעוויינליך איבערגעבען צו זיין בעל־הבית. אַלע האָבען געוואוסט די לאַגע, אויך בערנע. די אויגען פון מאַדאַם וואהל און קאָנראַד זיינען געווען פייכט פון טרערען. אָבער בערנע האָט זיך געהאַלטען אין איין וויצלען.

אַ דאָקטאָר איז צוגעגאַנגען צום חולה און האָט אים געפרעגט: „ווי פילט איר, קאָלעגע דאָקטאָר?" (בערנע האָט אַמאָל שטודירט מעדיצין, כאָטש גע־ענדיגט האָט ער ווי אַ דאָקטאָר פילאָזאָפיע).

בערנע האָט אַ קוק געטאָן אויפן דאָקטאָר און געזאָגט: „מיר ווייסען דאָך, אַז אַלע דאָקטוירים טאַפּען אין דער פינסטערניש . . . מעדיצין איז גאָר ניט ווערט; איר קענט מיר ווייניג העלפען. איר פרעגט מיך ווי איך פיל, וועל איך אייך זאָגען. איך פיל אַזאַ מיאוס'ען טעם אין מויל, פונקט ווי איך פיל ווען איך לייען אַ בוך פון דער נייסטער דייטשער ליטעראַטור" . . .

עס איז אָנגעקומען די פאַטאַלע שטונדע פון גסיסה. עס איז געווען אין מיטען טאָג, דעם 12טען פעברואַר, 1837. בערנע איז געווען מונטער. ער האָט געבעטען מען זאָל אַרונטערנעמען די שווערע פאָרהאַנגען: „איך וויל געניסען נאָך אַמאָל פון דער ליכטיגער זון" — האָט ער גזאָגט.

ווען מען האָט די פאָרהאַנגען אַרונטערגענומען האָט בערנע געבעטען בלומען און אַז מאַדאַם וואהל זאָל שפּילען אויף דער פּיאַנאָ אַ פריילעכע מעלאָדיע. מאַדאַם וואהל האָט דאָס געטאָן און בערנע האָט מיט זיינע לעצטע כחות אויסגערופען:

— עס איז מיר גוט . . . איך האָב ליב די גאַנצע וועלט, אויך מיינע שונאים.

אָט מיט די ווערטער האָט בערנע אויסגעהויכט זיין נשמה.

אַזוי איז געשטאָרבען דער גרויסער קעמפער פאַר פרייהייט, לודוויג בערנע, אָדער ליב ברוך. זיין גאַנצען לעבען האָט ער געדינט דער געטין פרייהייט און האָט פאַר פרייהייט געקעמפט מיט זיין שאַרפער וויציגער פען און זיין פען איז געווען איינגעטונקט, ווי ער אַליין דריקט זיך אויס, „אין דעם בלוט פון מיין האַרצען און אין דער מאַרך פון מיינע ביינער".

געלעבט האָט בערנע ניט לאַנג. אינגאַנצען האָט ער געלעבט 51 יאָר. ער איז געבאָרען געוואָרען אין יאָר 1786, אין דעם יאָר וואָס עס איז געשטאָרבען דער גרויסער אידישער רעפאָרמאַטאָר און פילאָזאָף משה מענדעלסאָן, און געשטאָרבען איז ער אין יאָר 1837, אין דער צייט פון אַ גרויסער אייראָפּעאישער רעאַקציע. ער איז געשטאָרבען ענטוישט און פאַרביטערט. זיינע האָפנונגען זיינען

געווען אויף דער דאַמאָלסט יונגער, נאָר וואָס פון איי אַרויס, מדינה אין אַמעריקע, די פּאַראַייניגטע שטאַטען. ער, ווי זיין פריערדיגער פריינד היינע, האָבען דער־וואַרט פון דער יונגער מדינה אַ ישועה פאַר דער גאַנצער וועלט.

היינע און בערנע זיינען געווען פריער ווי צווילינג־ברידער. זייערע נעמען פלעגט מען אויסריידען צוזאַמען. ביידע האָבען זיי געשאַפען די באַוועגונג פון „יונג דייטשלאַנד". ביידע האָבען געבראַכט די עפּאָכע פון „שטורם און דראַנג" אין דייטשלאַנד. עס איז געווען די עפּאָכע, ווען די שווערע ביר־טרינקענדע דייטשען האָבען זיך געקוויקט מיט דעם ברויזענדען וויין פון פראַנצויזישער פרייהייט. ביידע זיינען געבאָרען געוואָרען אידען, און כאָטש זיי האָבען זיך ביידע גע'שמד'ט און געווען שטאַרקע דייטשע פּאַטריאָטען, זיינען זיי דאָך גע־בליבען אידען. זיי זיינען געבליבען אידען ניט נאָר אין די אויגען פון שונאי־ישראל, נאָר אויך אין אויגען פון טרייע אידען. „ישראל אַף על פי שחטא ישראל הוא" — אַז אויב אַפילו אַ ישראל זינדיגט, בלייבט ער דאָך אַ איד, זאָגט דער תלמוד.

בערנע האָט ווירקליך אין זיין קורצען לעבען איבערגעלעבט די שטורם און דראַנג פּעריאָדע. אין צייט וואָס דער שטורם האָט פאַרכאַפּט די גאַנצע וועלט און ספּעציעל דאָס קליינע אידישע וועלטעל. בערנע איז געבאָרען געוואָרען אין דער צייט, וואָס די השכלה וואָס מענדעלסאָן האָט געפּריידיגט, איז אַריבער אַלע ברעגען און האָט אויסגעוואָרצעלט לאַנג־יאָריגע אידישע טראַדיציעס און האָט געדראָהעט צו פאַרניכטען דעם גאַנצען פונדאַמענט פון אידישען צוזאַמענלעבען.

געשטאַמט האָט בערנע פון אַ גרויסער מיוחס'דיגער אידישער פאַמיליע. זיין זיידע, שמעון ברוך, איז געווען זייער אַן אָנגעזעענער מענש ביי אידען ווי ביי קריסטען. ער האָט געהאַט דעם טיטול „פינאַנס־ראַט" און איז געווען פון די אָנגעזעענע געסט אין דעם קייזערליכען הויף פון דער באַוואוסטער עסטרייכער קייזערין מאַריע טהערעזאַ. שמעון ברוך איז געווען רייך, אַ גרויסער בעל צדקה און דערצו זייער פרום. זיינע קינדער פלעגען אים זייער רעספּעקטירען און מורא האָבען פאַר זיין קוק.

בערנע'ס פאָטער, יעקב ברוך, איז שוין געווען פאַרכאַפּט פון השכלה, אָבער אויסערליך האָט ער ניט אָפּגעטראָטען פון זיין טאַטענס וועגען, גיכער אויס מורא פאַרן אַלטען, ווי פון איבערצייגונג. יעקב ברוך האָט זיך אַריבער־געקליבען אין פראַנקפורט אַם מאַין. די שטאָט אין וועלכער עס האָט געלעבט דער פריינד פון דער פאַמיליע, מאיר־אַנשעל ראָטשילד, דער פאָטער פון אַלע אייראָפּעאישע פינאַנס באַראָנען, די באַרימטע פאַמיליע ראָטשילד. אין פראַנק־פורט איז אויך געווען אַ אידישע „געטאָ", וואו אידען זיינען געווען פאַרשפּאַרט. זיי פלעגען ניט טאָרען אַרויסגיין פון דער געטאָ ביינאַכט, אין גויאישע חגאות און אום זונטאָגס. אין דער געטאָ האָט געוואוינט מאיר־אַנשעל ראָטשילד. אין דער געטאָ אויך אויך זיך פאַרקליבען יעקב ברוך.

אין דער אידישער געטאָ אין פראַנקפורט אַם מאַין איז געבאָרען געוואָרען דעם 24טען מאַי, 1786 אַ זון ביי יעקב ברוכ׳ן. דער זון האָט געקראָגען דעם אידישען נאָמען יהודה ליב. אָט פון דעם יהודה ליב איז אויסגעוואקסען דער קעמפער פאַר דייטשער פרייהייט, לודוויג בערנע.

אין זיינע אינגלשע יאָרען איז דער יונגער בערנע געווען אַ צוריקגעצויגענער, שעמעוודיגער אינגעל. זיינע עלטערע ברידער און באַזונדערס די אידישע דינסט עלי, וועלכע האָט געבאַלעבאַטעוועט אין הויז, האָבען אים אָנגעטאָן אַלערליי נגישות. ווען די דינסט האָט אים געסטראַשעט, אַז ער וועט זיין אין גיהנום, האָט דער יונגער בערנע סאַרקאַסטיש געענטפערט, אַז דער גיהנום שרעקט אים ניט אָבער ער וויל דאָרטען ניט זיין צוזאַמען מיט עלי׳ן . . . דער שאַרפער ענטפער איז געפעלען געוואָרען דעם זיידען שמעון ברוך, וועלכער פלעגט צייטען־וויז באַזוכען פראַנקפורט. דער פרומער זיידע שמעון האָט נביאות געזאָגט, אַז יהודה ליב וועט אויסוואַקסען וועט ער זיין אַ גדול בישראל. די נבואה איז מקוים געוואָרען, כאָטש ניט אין דעם אופן ווי דער זיידע האָט געוואָלט.

דאָס אידישע לעבן אין פראַנקפורטער געטאָ האָט געהאַט אויף דעם סענסיטיווען אינגעל אַ דריקענדעווירקונג. בערנע האָט געהאַט אַ העברעאישען לערער זאַקס, וועלכער פלעגט מיטן אינגעל שפּאַצירען אויסער די געטאָ־ווענט. לויט דעם געזעץ האָבען אידען ניט געטאָרט גיין איבער טראָטואַרען. זיי פלעגען מוזען גיין, ווי בהמות, אויף ניט־ברוקירטע גאַסען. „פאַרוואָס גייען מיר ניט איבער טראָטואַרען?“ — האָט דער יונגער בערנע געפרעגט. „דער געזעץ ערלויבט ניט“ — האָט דער לערער געענטפערט. „וואָס פאַר אַ נאַרישער געזעץ דאָס איז!“ — האָט דאָס אינגעל אויסגערופען: „איצט איז דער פּאָליציימאַן, וועלכער היט אַזאַ אָרדענונג, שטאַרקער פון מיר. ווען איך וועל ווערען עלטער, וועל איך זיך מיט אים פאַרמעסטען. אַזעלכע געזעצען זיינען שלעכטע און מען מוז זיי אָפּשאַפען אונטער אַלע אומשטענדען“.

אין דער פראַנקפורטער געטאָ זיינען ביי דעם יונגען בערנע געבאָרען געוואָרען די ערשטע רעוואָלוציאָנערע געדאַנקען.

בערנע האָט ביי זיינע עלטערן געקראָגען אַ גוטע ערציאונג אין אידישע, ווי אין וועלטלאכע לימודים. זיין פאָטער יעקב ברוך האָט אים געשיקט אין פאַרשידענע דייטשע שטעט צו שטודירען. דער פאָטער האָט געוואָלט פון אים מאַכען אַ דאָקטאָר מעדיצין — די איינציגע פּראָפעסיע וואָס איז געווען אָפען פאַר אידען אין פראַנקפורט. קיין גרויסען ערפאָלג האָט אָבער יהודה ליב ניט געמאַכט. דער פאָטער האָט באַשלאָסען צו שיקען אים אין בערלין ער זאָל זיין אונטער דער אויפזיכט פון זיין פריינד, דאָקטאָר מאַרקוס הערץ.

דאָקטאָר מאַרקוס הערץ איז געווען פון די זיילען פון דער בערלינער השכלה. משה מענדעלסאָן איז געווען מער באַוואוסט ווי ער, אָבער מאַרקוס הערץ איז געווען אַ פריינד פון דעם דייטשען פילאָזאָף עמאַנועל קאַנט און זיינער אַ

תלמיד. מאַרקוס אָדער מרדכי הערץ איז אויך געווען אַ באַרימטער דאָקטאָר. אויף זיין קאַרעטע זיינען געווען אויסגעקריצט אין העברעאיש די אותיות „מ. ה." וואָס זיינען די ראשי תיבות פון מאַרקוס הערץ. די אותיות באַדייטען „מלאך המות", האָט באַמערקט אַ לץ. ניין, זיי מיינען „מחיה המתים", האָט הערץ רואיק געענטפערט. הערץ האָט געוויס ניט געקענט טויטע לעבעדיג מאַכען, אָבער אַ סך שווער־קראַנקע האָט ער דאָך געראַטעוועט פון זיכערען טויט.

מער ווי דאָקטאָר הערץ איז געווען באַרימט זיין שיינע פרוי הענריעטאַ הערץ. דער ליטעראַרישער סאַלאָן פון הענריעטאַ הערץ האָט געהאַט אַ שם אין גאַנץ בערלין. אַהין פלעגען פאַרקערען שטאַטסלייט, געלערנטע און ליטעראַטען. אַט אין דעם הויז איז דאָס אינגעל יהודה ליב ברוך אַריינגעפאַלען אין יאָר 1802, ווען ער איז געווען אַ 16־יאָריג אינגעל. אין דעם הויז האָט ער פאַרביטען זיין נאָמען יהודה ליב אויף לואיס. אין דעם הויז האָט דער יונגער בערנע גענאָסען פון בערלינער השכלה אין פולער מאָס. אין דעם הויז האָט ער אויך אָנגעהויבען צו שפּירען די יסורים פון אומגליקלעכער ליבע.

עס איז אַ מאָדנער פאַקט. דער יונגער בערנע האָט זיך פאַרליבט איבער די אויערען אין דער שיינער הענריעטאַ הערץ וועלכע איז געווען אַלט ווי זיין מאַמע. דער יונגער בערנע איז געווען שעמעוודיג, ער האָט זיך אין ליבע ניט ערקלערט, אָבער ער האָט צו איר געשריבען פייערדיגע ליבע־בריוו, וועלכע ער האָט קיינמאָל ניט געשיקט צו זיין געליבטער. די בריוו זיינען דערנאָך אָפּ־געדרוקט געוואָרען אַלס אַ מוסטער פון טיפע געפילען, אויסגעדריקט אין שיינער שפּראַך.

הענריעטאַ הערץ האָט קיינמאָל ניט געחלום׳ט פון דעם, אַז דער יונגער בערנע איז אין איר פאַרליבט. זי האָט זיך פון דעם דערוואוסט נאָך איר מאַנ׳ס טויט. זי האָט אים דאָך געלאָזט וואוינען ביי זיך נאָך אַ יאָר, אָבער זי האָט געשריבען צו זיין פאָטער, אַז ער זאָל אים פון בערלין צונעמען.

אין 1804 האָט בערנע פאַרלאָזט בערלין. ער האָט שטודירט אין פאַרשידענע דייטשע לער־אַנשטאַלטען. ער איז קיין דאָקטאָר־מעדיצין ניט געוואָרען. אין יאָר 1808, ווען ער איז אַלט געווען 22 יאָר, האָט ער געקראָגען דעם טיטול „דאָקטאָר פילאָזאָפיע". זיינע אידישע לימודים האָט ער אינגאַנצען פאַרלאָזען. ער האָט זיך אָפּגעגעבען מיט וועלטלעכער ליטעראַטור און פילאָזאָפיע. ער האָט געביטען זיין נאָמען ברוך אויף „בערנע".

מיט דעם טיטול דאָקטאָר האָט זיך בערנע אומגעקערט קיין פראַנקפורט. נאַפּאָלעאָן איז געווען דאַמאָלסט דער בעל־הבית פון אייראָפּע און האָט איינ־געפירט דאָרטען פראַנצויזישע פאַראָנדקעס. אין פראַנקפורט איז די געטאָ אָפּגעשאַפט געוואָרען און אידען האָבען געקראָגען געוויסע רעכט. אַלס דייטשער פּאַטריאָט און אַלס פרייהייטס־ליבענדער מענש, האָט ער נאַפּאָלעאָנ׳ען פאַרדאַמט,

טראָץ זיינע גרויסע רעפאָרמען און טראָץ די פּערזענליכע טובות, וואָס בערנע אַליין האָט געהאַט פון די רעפאָרמען.

אין יאָר 1811 האָט בערנע געקראָגען אַ שטעלע אין פראַנקפורטער פּאָליציי. ער איז דאָרטען געווען אַ סטאַטיסטיקער. די שטעלע אין פראַנקפורטער פּאָליציי האָט ער פאַרלאָרען נאָכדעם ווי נאַפּאָלעאָן איז באַזיגט געוואָרען. „מען האָט צוגענומען די קאַץ, האָבען זיך מייז צעהוליעט" — האָט בערנע סאַרקאַסטיש באַמערקט. פון זיין אַמט אין דער פראַנקפורטער פּאָליציי האָט זיך ביי אים אָפּגעשטעלט אַ פּענסיע אויף זיין גאַנצען לעבען. די פּענסיע איז אים שטאַרק צוניץ געקומען.

בערנע האָט אָנגעהויבען אַרויסצוגעבען צייטונגען, פּאַמפלעטען. זיין אויסער־געוויינליכע שאַרפע פּען האָט אים געמאַכט אַ נאָמען. זיין רום איז דערגאַנגען צו פירשט מעטערניך, וועלכער איז נאָך נאַפּאָלעאָנ'ס מפּלה געוואָרען דער טאָן־געבער אין אייראָפּע. ווען לודוויג בערנע'ס טאַטע איז געקומען בעטען דעם איינפלוסרייכען מעטערניך פאַר אידען, האָט אים מעטערניך אָנגעבאָטען אַז ער זאָל פּועל'ן ביי זיין זון ער זאָל איבערגיין צו מעטערניכ'ס דינסט. לודוויג בערנע האָט זיך נאַטירלאך דערפון אויסגעלאַכט. אַנשטאָט געלט און כבוד האָט ער פאָרגעצויגען דעם קאַמף פאַר פרייהייט, אַ קאַמף וואָס גיט אָרימקייט און יסורים. ער איז געוואָרען אַ שרייבער.

אַלס שרייבער איז בערנע געוואָרען זייער באַרימט. זיינע צייטשריפטען די „וואַגע" (וואָגשאָלען) און „צייטשווינגען" (צייט־פליגלען) האָבען אַנטהאַלטען אויסערגעוויינליכע אינטערעסאַנטע אַרטיקלען, וועלכע האָבען דורכגענומען. אין יאָר 1818 האָט זיך בערנע גע'שמד'ט. ער האָט דאָס געטאָן אָן געוויסענביסע. „די גלחים האָבען פון מיר גענומען אַ הויכען פרייז פאַרן שמד'ן, גאַנצע פינף טאָלער" — האָט זיך בערנע געוויצעלט.

אַרום יענער צייט האָט זיך בערנע באַקאַנט מיט העגריעטא וואהל. מאַדאַם וואהל איז געבליבען זיין פריינדין אפילו נאָך זיין טויט, אין יעדען טאָג אין יאָרצייט פלעגט זי פּראַווען אַן אזכרה און איר מאַן, דאָקטאָר שטרויס, האָט מיטגעטרויערט נאָך זייער ביידענס פריינד. עס איז אַ מאָדנע פריינדשאַפט, וואָס נאָר פּסיכאָלאָגען קאָנען דאָס ערקלערען.

אויך דער יונגער פּאָעט היינע האָט געשלאָסען פריינדשאַפט מיט דעם באַרימטען שרייבער. בערנע איז געווען גע'שמד'ט אָבער זיין קאַמף פאַר אידישע רעכט האָט ער ניט אויפגעגעבען. זיינען אַלע שריפטען זיינען פול מיט די גיפטיגע פיילען וועלכע ער פלעגט וואַרפען אויף די קעפ פון שונאי־ישראל, וועלכע זיינען געווען פול אין דייטשלאַנד. בערנע האָט געדענקט, אַז אידען דאַרפען אויפגעבען זייער נאַציאָנאַליטעט און ווערען וועלט־בירגער.

די פריינדשאַפט, וואָס היינע האָט געשלאָסען מיט בערנע'ן האָט זיך דער־נאָך איבערגעריסען. היינע און בערנע זיינען געווען פאַרשידענע נאַטורען. אין

זיין בוך וועגן בערנע וואָס היינע האָט פֿאַרעפֿענטלעכט נאָך בערנע'ס טויט, שוין אין יאָר 1840, זאָגט היינע, אַז בערנע איז געווען אַ איד, וואָס האָט געגלויבט אין איין גאָט, אין דער צייט, וואָס ער, היינע, איז געווען אַ גריך וועלכער גלויבט אין פילע געטער. בערנע האָט געהאַט איין גאָט, דעם גאָט פון פרייהייט אין דער צייט וואָס ער, היינע, האָט געדינט אַלע געטער: דעם גאָט פון קונסט, דעם גאָט פון גענוס און דעם גאָט פון קולטור און פילאָזאָפיע.

האָט אָבער היינע תשובה־געטאָן אין שפּעטערדיגע יאָרען. ער איז געוואָרען אַ איד.

בערנע, ווי היינע, האָבען געוואוינט זייערע לעצטע יאָרען אין פּאַריז. בערנע האָט געשריבען פון דאָרטען די פייערדיגע פּאַריזער בריוו און היינע האָט גע־שריבען וועגן פילאָזאָפיע, קונסט און זיינע וואונדערבאַרע שירים. אין פּאַריז האָט ער אָבער אויך פאַר פילע יאָרען געליטען יסורים.

בערנע, ווי היינע, זיינען געווען בלאָנדזשענדיגע, זוכענדע נשמות. זיי האָבען געלעבט אין אַ צייט פון צעשטערונג. זיי האָבען געזוכט אַ וועג פון אויפבוי. זיי האָבען געזוכט און ניט געפונען.

ש. העלער:

פילאָזאָפישע און פּאָעטישע געדאַנקען וועגן טויט

אין די שריפטען פון פילאָזאָפען און פּאָעטען געפינען זיך אַ סך געדאַנקען וועגען טויט. אָפט זייַנען די געדאַנקען צונויפגעבונדען מיטן צווייענדיגען מאָטיוו — מיט לעבען און טויט. וואָס איז דער זין פון לעבען? און ווי זאָל אַ מענטש אויפנעמען דעם אומפאַרמיידליכען טויט?

פאַראַן פּאָעטען וואָס האָבען געקעמפט געגען טויט! זיי האָבען אין זייערע לידער ממש געצאָרענט הלמאי דער מענטש דאַרף שטאַרבען! פאַראַן ווידער אַנדערע, מער רואיג־פילאָזאָפירענדיגע, וואָס האָבען גערעדט וועגען דעם מיט געצוימטקייט, מיט אַ לייכטערען טאָן.

אונז דוכט זיך אַז אין אַלט־אידישע ספרים געפינט זיך דער מענטשלעכסטער טאָן וועגען דער ערשיינונג פון טויט! עס איז דאָ אין די ספרים אַ ראַציאָנאַלער, אַ שכל׳דיגער צוגאַנג צו דעם, כאָטש ריידען רעדט זיך עס אין אַ רעליגיעזען טאָן.

צום ביישפּיל, אין דעם ספר איוב איז דאָ אַזאַ פּסוק: „גאָט האָט געגעבען, און גאָט האָט צוגענומען, געבענטשט איז דער נאָמען פון גאָט".

עס איז צום באַוואונדערען וויפיל רואיגקייט עס איז דאָ אין אָט דעם זאָג! וואָרים דאָס מיינט דאָך צו זאָגען: מען האָט מיר געגעבען לעבען, מען נעמט עס צו, געבענטשט — איז גאָט! געבענטשט זאָל זיין דער טאָג פון מיין לעבען, כאָטש עס דויערט ניט לאַנג . . .

צו אַזאַ רואיגקייט דאַרף אַ מענטש קענען קומען.

ניטאָ דאָ קיין פאַרהערליכונג פון דעם טויט. עס איז בלויז פאַראַן אין דעם צוגאַנג אַ פאַרשטענדניש, אַ געצוימטקייט, עס איז דאָ אין דעם אַן אָננעמען די זאַך ווי עס איז, און דאָך — מיט אַ בענטשונג . . .

אין גריכישע שריפטען זייַנען פאַראַן אַנדערע סאָרטען אויסדרוקען וועגען טויט. דאָרט געפינען מיר מער דראַמאַטישע אויסרופען, וואָס פּאַסט זיך צום גייסט פון דער גריכישער דראַמע.

צום ביישפּיל, אין דער טראַגעדיע פון עסכילעס רופט אויס אגאַמעמנאָן: „זאָג אויף קיין מאַן ניט אַז ער איז גליקלאַך — ביז עס קומט צו אים דער טויט!"

פון דעם קומט אויס, אַז דער טויט־מאָמענט איז דער גליקלאַכסטער אין לעבען . . . אָדער עס קען מיינען, דער טויט מאַכט אַן ענדע צו די לעבענס־ליידען, און דעריבער איז אַ מענטש בלויז גליקלאַך ביים שטאַרבען.

אין דער גריכישער דראַמע האָט דער מענטש כסדר נאָר געקעמפט געגען גורל, געגען מזל, און דעריבער גייט דאָרט אויך אָן אַ כסדר׳דיגער קאַמף געגען טויט, אַ מין פעכטעריי . . .

אין אַנדערע שריפטען, אַלט־פּערסישע, און ניי־קריסטלאַכע, זיינען דאָ אויס־דרוקען, וואָס ברענגען אַרויס דעם פאַטאַלען געדאַנק אַז לעבען אַליין איז בלויז אַ פּאַזע אַזאַ פון טויט. ס׳איז, הייסט עס, גאָר ניטאָ קיין לעבען!

אַ סך איז געשריבען געוואָרען וועגען טויט אין 17־טען און 18־טען יאָר־הונדערט, און 19־טען יאָרהונדערט.

אָט זיינען בלויז אייניגע ביישפּילען. אין די שריפטען פון וואלטער סקאָט איז דאָ אַן אויסרוף: „איז דער טויט דער לעצטער שלאָף? ניין, דאָס איז גאָר די לעצטע ערוואַכונג!

ווען די שיף „לוזיטאַניאַ" איז געזונקען געוואָרען דעם 7־טען מאַי, 1915, האָט דער קלוגער ניו יאָרקער טעאַטער־מאַן, טשאַרלס פראָהמאַן, אַזוי געזאָגט:

— פאַר וואָס זאָל מען מורא האָבען פאַרן טויט? דאָס איז דאָך די שענסטע אַוואַנטורע פון לעבען!

און ער איז אַראָפּ צום אָפּגרונט...

און ביים דענקער טהאָמאַס האבס איז דאָ אַ פּאַרקערטע שטימונג. ער זאָגט: „איצט בין איך גרייט צו מיין לעצטער רייזע, איך בין גרייט צו מיין שפּרונג אין ד׳ער וועלט פון חושך" . . .

שטאַרק געקלאָגט איבער דער דערשיינונג פון טויט האָט דער פּאָעט לאָרד בייראָן. אַזוי אויך דער פּאָעט שעלי און אַנדערע.

אַן אַנדער ענגלישער פּאָעט, וואוירטסוואורטה, האָט געפּרואווט דעם טויט צו פאַרוועבען אין פילאָזאָפישקייטען. אָבער קיין טרייסט פאַר דעם האָט ער ניט געפונען. ניטאָ ביי קיינעם פון זיי אַזאַ רואיקייט ווי אין דעם אויבען־גע־בראַכטען פסוק פון ספר איוב.

אומעטיג איז דער פּערסישער אָמאַר קאַיאַם איבער דער דערשיינונג פון טויט. ער זאָגט ערגעץ אין זיינע לידער: „איז דאָס ניט מאָדנע? מיליאָנען זיינען פאַר אונז דורכגעגאַנגען דורך דער טיר פון פינצטערניש, און מער ניט געקומען צוריק. קיינער קומט ניט פון דאָרט צו דערציילען אונז וועגען דעם לאַנגען וועג פון טויט. און אויך מיר, דערוויסען מיר זיך שנעל, דאַרפען באַלד גיין אין דעם זעלביגען וועג. די טיר קומט שוין אַנטקעגען!

פאַראַן אַנדערע דענקער און דיכטער וואָס האָבען, ניט־קענענדיג אויסמיידען דעם אָנקומענדיגען טויט, אַזוי ווי געגעבען אַ קלאַפּ מיט דער טיר פון לעבען —

און אַוועק! אַזוי האָט אַ זאָג געטאָן ראַבאַנעי, דער פראַנצויז: אפשר גיי איך גאָר צום גרויסען! איך וועל אַראָפּלאָזען דעם פאָרהאַנג, דער פאַרס איז פאַר־ענדיגט!

עס מיינט: דער פאַרס, דער חוזק פון לעבען!

אָט אַזאַ מין רעבעלישע שטימונג געגען לעבען, ווי געגען טויט, קען מען געפינען ביי אַ סך אַנדערע.

אַזאַ מין אויסדרוק איז אויך דאָ ביים ענגלישען פּאָעט אַלעקסאַנדער פּאָופּ. ער שרייבט: „אַז דער מענטש ווערט מיד — גייט ער שלאָפען, און די אָרימע שפּיל פון לעבען איז געענדיגט״.

אַ סך רעדט זיך וועגען טויט אין די ווערק פון וויליאַם שעקספּיר, פאַרשי־דענע שיינע, פּאָעטישע אויסדרוקען וועגען דעם געפינען זיך ביי אים.

אין „ראָמעאָ און דזשוליעט״ ווערט אַזוי געזאָגט: „דער טויט ליגט אויף איר, ווי אַ פראָסט, וואָס קומט צו פרי, און פאַלט אויף דעם צאַרטעסטען זיסען בלום פון גאַנצען פעלד!״

ביים ראָמאַנטישען פּאָעט טעניסאָן ווערט רואיג געזאגט: „גאָט׳ס פינגער האָבען אים באַרירט און ער איז געשטאָרבען״.

אין די שריפטען פון רוסישע פּאָעטען און מאָראַל־דענקער זיינען אויך דאָ אָן אַ שיעור אויסדרוקען וועגען טויט. די מערסטע האָבען מיטן טויט בשום אופן ניט געקענט שלום מאַכען, בלויז טאָלסטאָי האָט געזוכט אַ מין רעליגיעזע באַרואיגונג וועגען טויט. האָט ער עס געפונען? דאָס איז אַ גרויסער ספק. אין זיין: „דער טויט פון איוואַן איליטש״ ווערט צום סוף געזאָגט, אַז דער שטאַרבענדער האָט דערזען „אַ ליכט גייט אויף״.

אָבער סיי־ווי, איבערן גאַנצען בוך פילט זיך אַלץ אַ דריקענדע שטי־מונג איבער דעם וואָס מען דאַרף שטאַרבען . . .

טאָלסטאָי, מיט זיינע פאַנטעאיסטישע שטימונגען, געמישט מיט קריסט־לעכע האָט בלויז זיך און אַנדערע — דוכט זיך אונז — געוואָלט איינריידען, אַז ער האָט שוין דערגרייכט די רואיקייט פון שטאַרבען! נאָר אין יענע שטעלען, וואָס טאָלסטאָי הייסט הייליגען דאָס לעבען, כל זמן מען לעבט, דאָרט איז ער עכט און אמת!

אַזוינע געדאַנקען וועגען לעבען געפינען מיר אויך אין אַלט־אידישע ספרים.

אַן ענליכע שטימונג דריקט אויך אויס דער אַמעריקאַנער פּאָעט לאָנגפעלאָו, ווען ער זאָגט: „די לעבענס פון גרויסע מענשען ווייזען אונז, אַז מיר קענען מאַכען אונזער לעבען שיין און גאַנץ, און דערהויבענדיג. און אַז מיר דאַרפען אַוועק פון לעבען זאָלען מיר קענען אַ הינטער זיך איבערלאָזען טריט־סמנים אויף די זאַמדען פון צייט״.

אַזוינע געדאַנקען, דוכט זיך אונז, האָבען פיל מער ווערט, ווי סתם צו שרייען געגען טויט אָדער צו פאַרשילטען דאָס לעבען. וואָרים אויב מען זאָל ניט שלום מאַכען מיטן געדאַנק אַז מען לעבט ניט אייביג, דאַן מוז מען כסדר

זיך געפינען אין אַ מעלאַנכאָלישען צושטאַנד, און דאָס האָט דאָך קיין זין ניט. עס זיינען דעריבער אונז ניט צום האַרצען אַזוינע געשרייען ווי: „דאָס לעבען איז אַן אומגליק"; אָדער, „די צייט האָט דיך, ווי אַ מויז, אַריינגעגנאַרט אין דעם נעץ פון לעבען!" און אַזוי ווייטער, און אַזוי ווייטער. ביכער גאַנצע קען מען אָנ־פילען מיט אָט די געשרייען געגען לעבען, וואָס געפינען זיך אין דער ליטע־ראַטור פון אַלע שפּראַכען.

מען דאַרף לעבען כל זמן מען לעבט. מען דאַרף דאָס לעבען טייער האַלטען און אים ניט פאַרשווערכען. מען דאַרף לאָזען נאָך זיך אַ גוטען נאָמען, וואָס זאָל זיין אַ שטאָלץ פאַר די נאָענטע.

עס האָט קיין זין ניט דאָן־קיכאָטיש צו קעמפען געגען טויט, און עס האָט קיין זין צו פאַרשילטען דאָס לעבען.

דערביי איז נויטיג צו באַמערקען: אויך אין אידישע ספרים, אין תנ"ך, אין גמרא און אין מדרש, איז ניטאָ קיין אויסגעהאַלטענער קוק אויף דער ער־שיינונג פון טויט. פאַראַן, צום ביישפּיל, דער פּעסימיסטישער קוק פון קהלת. פאַראַן דער קאַמף פון איוב גופא, כאָטש מיר האָבען אויבען געבראַכט די ציטאַטע פון „גאָט האָט געגעבען און גאָט האָט צוגענומען". אָבער אין דעם גרעסטען טייל פון אידישען געדאַנקען־גאַנג איז דאָך געווען אַ מין צופּאַסען זיך — סאַי צום לעבען און סאַי צום טויט.

און איבער אַלץ: אַ פאַרהייליגונג פון לעבען!

אין אונזער אייגענעם קרייז

מ. א.:

יעקב מ. ראָזענבלאַט

1890—1948

יעקב מ. ראָזענבלאַט האָט פאַרנומען אַ וויכטיגען פּלאַץ אין אַרבעטער־רינג. ער איז געווען אין די וויכטיגסטע קאָמיטעס פון דער נאַציאָנאַלער עקזע־קוטיווע, ווי אויך פון דעם סעמעטערי דעפּאַרטמענט פון אַרבעטער־רינג. אין

יעקב מ. ראָזענבלאַט

פילע קאָמיטעס האָט ער פאַרנומען דעם אַמט פון פאָרזיצער. ער האָט ערנסט און איבערגעבען געשענקט זיינע כחות און גוטע פעאיגקייטען צו אונזער אַרבע־טער אָרדען. ער האָט דעם אַרבעטער־רינג פיל געגעבען; דער אַרבעטער־רינג האָט אָבער אויך אים שיין אָפּגעצאָלט פאַר זיין גוטער אַרבעט. דער אַרבעטער־רינג האָט דעם פעהיגען יעקב מאיר פיל געגעבען.

אין אַמעריקע איז געווען זייער אַ פּאָפּולערער שרייבער, האַרעישיאָ אַל־דזשער. אַלדזשער האָט זיך געמאַכט אַ נאָמען מיט זיינע ערפאָלג („סוקסעס״) ערציילונגען. זיינע ערציילונגען האָבן אַן איינהייטליכע טעמע, ווי אַזוי די אָפּגעריסענע דיק און טאָם זיינען געוואָרען ערפאָלגרייכע מענשען דורך זייער פלייס, פעהיגקייטען און ערלאכקייט. אויך יעקב מאיר ראָזענבלאַט וואָלט גע־קענט זיין ביי האָרעישיאָ אַלדזשער אַ העלד פון אַ „סוקסעס סטאָרי״, ווי אַזוי אַן אָרימער גאַליציאַנער אינגעל האָט זיך דורך זיינע גוטע פעהיגקייטען אַרויפ־געאַרבעט צו פאַרנעמען אַ וויכטיגען אָרט אין דער אידישער אַרבעטער באַוועגונג.

יעקב מ. ראָזענבלאַט האָט זיך ערוואָרבען אַ גוטען נאָמען און ערפאָלג. פיל מיטגעהאָלפען האָט אין זיין ערפאָלג זיין אַקטיוויטעט אין אַרבעטער־רינג.

יעקב מ. ראָזענבלאַט איז געבאָרען געוואָרען דעם 6טען אויגוסט, 1890 אין אַ גאַליציאַנער חסידישער שטעטעל, אין סניאַטין. זיין פאָטער, ר׳ חיים, איז געווען אַן ערלאכער איד, אַ למדן, אָבער זאָל ניט אויסגערעדט זיין, אַ גרוי־סער אָרימאַן. אַ לעבען האָט ר׳ חיים געמאַכט פון קנעלען. ער איז געווען אַ מלמד. זיין פרוי לאה איז געווען אַ גוטע באַלעבאָסטע. מיט די עטלאכע קראָנען, וואָס ר׳ חיים פלעגט צוזאַמענקלייבען פון מלמדות, פלעגט זי פירען גאַנץ נישקשה׳דיג די באַלעבאַטישקייט. שבת פלעגט זיין פיש און פלייש אויפן טיש, און פסח — קניידלאַך מיט וויין. מיט קליינע פאַרדינסטען האָט דאָך ר׳ חיים געגעבען זיינע קינדער אַ גוטע דערציאונג. פרנסה איז געווען בדוחק, אָבער, געלויבט השם יתברך, מען האָט זיך פיין דורכגעלעבט. קיין „מאַרצעפּאַנעס״ האָט מען ניט געגעסען, אָבער אַ שטיקעל ברויט מיט קרופּניק האָט זעלטען ווען אויסגעפעלט.

קיין גרויסען וואוילטאָג האָט דער קליינער יעקב מאיר אין זיין טאַטענ׳ס הויז ניט געהאַט. אָבער אידען קענען זיך דורכלעבען מיט „שהיה פהיה״, מיט גאָר ניט — אָבער דאָס איז אַ קלייניקייט. יעקב מאיר האָט זיך געפילט צופרידען און אין אַ געוויסען גראַד אפילו גליקלאַך. נאָר לאַנג האָבען זיינע גליקען משטיינס געזאָגט ניט אָנגעהאַלטען. ווען יעקב מאיר איז אַלט געווען צען יאָר, איז ער געבליבען אַ יתום, אָן אַ טאַטען און אָן אַ מאַמען; אַליין און עלענד אין דעם חסידישען שטעטעל סניאַטין.

דאַרפען מיר דערמאָנען די אַמאָליגע טייערע אידען, אומגעקומענע פון דעם משוגענעם נבזה. קיין גרויסע גבירים זיינען אין סניאַטין ניט געווען. אַ איד ד׳אָרטען האָט געדאַרפט פיל האָרעווען צו האָבען אייגענע חיונה, אָבער ווי לאָזט מען אַ יתום אויף הפקר? קרובים האָבען דעם יתום צוגענומען און אויסגעהאָ־דעוועט ווי עס איז. מען האָט זיך געטיילט מיטן ביסען. כאָטש יעקב מאיר איז געווען אַ יתום, האָט ער דאָך דערגרייכט אַ נישקשה׳דיגע בילדונג לויט יענער צייט. ער האָט זיך אויסגעלערנט לייענען פויליש, דייטש, אידיש און עס פאַר־שטייט זיך אַ ביסעל לשון קודש.

ווען יעקב מאיר איז אַלט געוואָרען 16 יאָר, אין יאָר 1906, האָבען אים קרובים אַוועקגעשיקט קיין אַמעריקע, אין דעם לאַנד פון אומבאַגרענעצטע מעג־ליכקייטען. ער איז אָנגעקומען אין ניו־יאָרק און, ווי דער שטייגער איז דע־מאָלט געווען, האָט מען דעם יונגען יעקב מאיר'ן געלערענט אַ טרעיד. ער איז געוואָרען אַן אַרבעטער אין אַ שאַפּ פון דער אינדוסטריע, וואָס אידען האָבען דאָ אַנטוויקעלט — אין אַ שאַפּ פון דער קליידער אינדוסטריע.

דאָס איז געווען אין די צייטען פון סוועט־שעפּער. די גרויסע אידישע יוניאָנס, ווי די אינטערנעשאָנעל און אַמאַלגאַמייטעד זיינען נאָך ניט געווען. קיין האָניג האָט דער יונגער יעקב מאיר ניט געלעקט. די שטונדען אין די שעפּער זיינען געווען לאַנגע. די באַדינגונגען שווערע. די שעפּער וואו אידען האָבען גע־אַרבעט האָט מען גערופען „סוועט־שעפּער". די שווערע אַרבעט האָט זיי ניט נאָר באַגאָסן מיט שוויס, נאָר עס האָט אויך אויסגעטריקענט זייער מאַרך פון די ביינער.

שווער איז געווען די אַרבעט, נאָר יעקב מאיר האָט זיך ניט באַקלאָגט. ער האָט באַזוכט אין אָווענד, נאָך אַ שווערען טאָג אַרבעט, די באַוואוסטע איראַנ'ס פּריפּערעטאָרי סקול. ער האָט אויך גענומען קורסען אין פּ"ס און פּ"ס אַקאַונטינג אין לאָאָ סקול, ווי אויך און אין סיטי קאָלעדזש אין ניו־יאָרק אוניווערסיטעט.

זייענדיג פאַרנומען מיט זעלבסטבילדונג, האָט יעקב מאיר אויך ניט פאַר־לאָזען זיינע געזעלשאַפטליכע פליכטען. ער איז געוואָרען טעטיג אין דער סאָ־ציאַליסטישער פּאַרטיי, אין די יוניאָנס און זייער אַקטיוו אין אַרבעטער־רינג.

דעם 28טען מערץ, 1914, האָט יעקב מאיר געהייראַט מיט שרה פיין, וואָס איז איצט ליידער געוואָרען אַן אלמנה פאַרלירענדיג איר לעבענס־באַגלייטער פון וועמען זי האָט דריי טעכטער — ליליאַן, ביטריס און מוריעל. זייער צו־זאַמענלעבען איז געווען האַרמאָניש פון דעם טאָג פון דער חתונה.

נאָך דער חתונה איז דער יאָך פון פּרנסה געוואָרען נאָך שווערער. יעקב מאיר האָט אַוועקגעוואָרפען די שניידערשע אַרבעט. ער איז געוואָרען דאָס, וואָס מען רופט אַ שקלאַף מיט אַ ווייסען קאָלנער, און דאָס מוז מען צוגעבען: יעקב מאיר איז אַלע מאָל געגאַנגען אין אַ ווייסען קאָלנער, צי עס איז געווען פּרנסה גענוג, אָדער ניט.

יעקב מאיר איז געוואָרען אַ מיטגליד פון דער יוניאָן פון די אָפיס־אָנגע־שטעלטע און געוואָרען זייער טעטיג אין דער יוניאָן באַוועגונג בכלל. אין 1918 איז ער געווען סעקרעטאַר פון לאָק. 9, אינטערנעשאָנעל. ער איז געווען טעטיג אי אין די לאָקאַלס פון אינטערנעשאָנעל און אויך פון אַמאַלגאַמייטעד. זיין איצ־טיגען אַמט אַלס אָפיס־אנגעשטעלטער פון לאָק. 9, האָט ער פאַרנומען פון אינ־טערנעשאָנעל שיינע עטלעכע יאָר.

כאָטש ראָזענבלאָט איז געווען טעטיג אין פילע פאַראיינען און איז אויך געווען אַ גוטער מעיסאָן, האָט ער אָבער דעם גרעסטען אינטערעס גענומען אין

די אַקטיוויטעטען פון אַרבעטער־רינג. אין זיין בראַנטש 531 איז ער געווען סעקרעטאַר פאַר 44 יאָר. ער האָט דעם בראַנטש געגרינדעט און האָט דעם בראַנטש געפירט ביז דעם לעצטען טאָג פון זיין טעטיגען לעבען. איצט, אַז ער איז ניטאָ, פילט זיך דער בראַנטש פאַר׳יתומ׳ט.

זיין אַקטיוויטעט אין אַרבעטער־רינג האָט אים געבראַכט צו דעם הויכען אַמט, וואָס ער האָט פאַרנומען אין אינטערנעשאָנאַל. פר. פיין פון דעם סיק בענעפיט דעפּאַרטמענט, אַ שוואָגער פון ראָזענבלאַט׳ן, דערציילט, אַז דעם דזשאָב אין דער אינטערנעשאָנאַל האָט ער צו פאַרדאַנקען די פאַרוואַלטער פון אַרבע־טער־רינג און ער האָט געוואוסט ווי אָפּצושאַצען די טובה וואָס מען האָט אים געטאָן און האָט דאָס ניט פאַרגעסען.

אין אַרבעטער־רינג האָט ער פאַרנומען פאַרשידענע וויכטיגע אַמטען. ער איז געווען פאָרזיצער פון דער אָפיס־קאָמיטע אין יאָר 1911; אַ פאָרזיצער פון דער סאַניטאַריום קאָמיטע אין די יאָרען 1933־1935, און ווידער פאָרזיצער פון דער אָפיס קאָמיטע אין די יאָרען 1939־1941. יעקב מ. ראָזענבלאַט איז אויך געווען פאָרזיצער פון סעמעטערי דעפּאַרטמענט און פון דער נאַציאָנאַלער פיונע־ראַל קאָמיטע. ער איז געווען אַ באַקאַנטע פיגור אויף די אַרבעטער־רינג קאָנ־ווענשאָנס.

זיינע באַריכטען, וואָס ער פלעגט אָפּגעבען אויף די קאָנווענשאָנס, האָבען געצויגען אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט. זיי האָבען זיך אויסגעצייכענט מיט זייער זאַכליכקייט, טאַקט און פאַרשטענדניש פון די פּראָבלעמען פון אונזער אָרדען.

אַ קאַנטיגע פיגור איז יעקב מאיר ראָזענבלאַט געווען אין דעם אַרבעטער־רינג בכלל. די אַרבעטער־רינג מיטגלידער ווייסען ווי אָפּצושאַצען זיינע לייסטונגען און פילען דעם פאַרלוסט. זיין אָנדענק וועט בלייבען ביי אַלע די מיט וועמען ער האָט געאַרבעט און האָבען אים גוט געקענט.

ג. כאַנין:

דזשוליוס ווייסבערג

דזשוליוס ווייסבערג

דעם 8־טען סעפּטעמבער, 1948 איז אין קליוולאַנד, פון אַ האַרצשלאַג גע־שטאָרבען אונזער דזשוליוס ווייסבערג.

דער טויט איז צו אים געקומען אויף אַ מערקווירדיגען אופן.

אין קליוולאַנד האָט געלעבט אַ מיטגליד פונם אַרבעטער־רינג מיט דעם נאָמען פריינדינע חפץ. זי איז געווען אויף איר אופן זייער אַקטיוו אין די אַרבעטער־רינג קרייזען. פאַר די 40 יאָר וואָס זי האָט געלעבט אין קליוולאַנד האָט זי געטאָן אַלע אַרבעטן פאַר דער פאַרצווייגטער טעטיקייט פון דער אָר־גאַניזאַציע. נאָך אַ קורצער קראַנקהייט איז זי געשטאָרבן.

דזשוליוס ווייסבערג האָט איר לויה אַראַנזשירט, האָט געטאָן אַלץ אַז די לויה זאָל דורכגעפירט ווערען אין כבוד פאַר דער פאַרשטאָרבענער. ער האָט ביי דער לויה איר מספּיד געווען און פינף מינוט נאָך דעם, זיצענדיג ביים ארון פון דער טויטער, אין דער אנוועזענהייט פון דער גרויסער צאָל פאַרזאַמעלטע אבלים און פריינד, איז ער פּלוצלונג אַליין געשטאָרבען.

דזשוליוס ווייסבערג איז געבאָרען געוואָרען אין דער שטאָט גראָדנע, אין אויגוסט 1889. אַ בחור'ל פון 13־14 יאָר, איז ער אין דער שטאָט גראָדנע אַריינגעצויגען געוואָרען אין דער אידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. ער איז געווען אַ מיטגליד פון קליינעם „בונד".

ער איז געבאָרען געוואָרען אין אַ הויז פון ניט פאַרמעגלעכע עלטערען. זיין פאָטער האָבען אַלע אין שטאָט זייער גוט געקענט. די משפּחה ווייסבערג אין גראָדנע איז געווען באַליבט און פון אַלעמען רעספּעקטירט. אַלס קינד האָט דער יונגער יודל ווייסבערג אָנגעפאַנגען צו אַרבעטן אַלס שיק־אינגל אין אַ געשעפט.

ווען ער איז אַריין אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, האָט ער זיך צו

דער אַרבעט איבערגעגעבען מיט זיין האַרץ און נשמה און אַלע אין דער באַ־וועגונג האָבען דעם יונגען אינגעל זייער ליב געקראָגען.

אין 1905 איז דזשוליוס וויסבערג געקומען קיין אַמעריקע אין דער עלטער פון 16 יאָר. באַזעצט האָט ער זיך גלייך אין דער שטאָט פּיטסבורג, וואו ער האָט געטאָן פאַרשיידענע אַרבעטען כדי זיך צו דערנערען. און ניט קוקענדיג אויף דער שווערער אַרבעט און אויפן ביטערען עמיגראַנטישען לעבען, איז ער גלייך געוואָרען אַ מיטגליד אינם אַרבעטער־רינג און אויך אין דער סאָציאַ־ליסטישער פּאַרטיי. ער איז זייער שנעל באַקאַנט געוואָרען אין דעם אידישען קוואַרטאַל פון פּיטסבורג. ניט קוקענדיג אויף זיין יונגקייט, האָבען אַלע קלאַסען אידען איהם ליב געהאַט און האָבען זיך צו אים באַציגען מיט גרויס דרך ארץ. עס האָט גאָר אַנדערש ניט געקענט זיין.

פון דער נאַטור אַ גוטער, אַ האַרציגער מענש, מיט ליבשאַפט צו אַלעמען וועלכע האָבען געליטען. זייענדיג טעטיג אין דער באַוועגונג, באַזעלט מיטן סאָציאַליסטישען אידעאַל, איבערפילט מיט האָפענונג און קאַמף פאַר אַ גליק־לאַכען מאָרגען פאַר אַלעמען, האָט ער אויך ניט פאַרנאַכלעסיגט צו זען דעם יחיד, וועלכער האָט זיך גענויטיגט אין הילף, אין אַ חבר׳שער עצה, אָדער אין אַ ברידער־לעכער האַנט. ווען עמיצער איז געקומען צו דזשוליוס וויסבערג׳ן מיט אַ פּעקעל פון אייגענע צרות, האָט וויסבערג׳ס ברייטע און וואַרעמע האַרץ, גוטמוטיגער שמייכעל און ליכטיגער פּנים, דעם פאַרצאַרעטען אַרומגענומען מיט אַזויפיל ליבשאַפט, אַזוי, אַז ווען ער איז פון אים אַוועק, און ער, וויסבערג, האָט אַפילו ווייניג פאַר דעם מענשען געקאָנט טאָן, איז דער באַטרעפענדיגער פון אים אַוועקגעגאַנגען אַ דערפרישטער און דערהויבענער. און עס איז אים געוואָרען לייכטער זיין פּעקעל צרות צו טראָגען. אָבער זעלטען ווען וויסבערג האָט ניט געהאָלפען. פאַר אים איז קיין זאַך ניט געוועזען שווער עפּעס פאַר אַ מענשען צו טאָן.

ווען אין 1912 האָט זיך אין אַמעריקע געגרינדעט די אידישע סאָציאַליסטי־שע פעדעראַציע, האָט פּיטסבורג פאַרמאָגט דעם גרעסטען אידישען סאָציאַ־ליסטישען ברענטש, און דאָס איז געוועזען צו פאַרדאַנקען דזשוליוס וויס־בערג׳ן.

